STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05454

# A RAYZE NOKH ERTS YISROEL AF DER MAURETANYA

A. D. Oguz

*Permanent preservation of this book was made possible by James R. & Frederica Rosenfield in honor of their mothers, Catherine & Dorothy*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַ רייזע נאָך ארץ ישראל
# אויף דער „מאַורעטאַניאַ"

פון

**א. ד. אגוז**

מיט דער געפעליגקייט פון דער

קונאַרד לאַין

פּאַלעסטיין און אָריענטאַל טורס

עמנואל ראָזען, פּרעז.

122 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

.1

## דער ארויספאָהר. — דאָס זעגענען זיך. — עשו קריגט די בכורה. — אַ משגיח מיט אַ חסרון. — ועד הכשרות. — סטרייקערס און סקעבס. — אַ מקום להתפלל און תפלה בצבור.

מיר פאָהרען קיין ארץ ישראל. אונטער'ן וואָרט: „מיר" מיין איך: מיין ווייניגקייט, און מיין מעהרהייט — זוגתי ת"י.

איך וועל אויך מצרף זיין מיין פריינד און קאָלעגע יעקב מאגידאָוו, וועלכער איז געפאָהרען מיט זיין ווייב און א טאָכטער צו באזוכען ארץ ישראל, סאָוויעט רוסלאנד און אנדערע לענדער, און נאָך קנאפע דרייסיג מנינים אידען און אידענעס — כן ירבו.

אין יאָהר 1926, ווען מיר, איך און מיין פרוי, האָבען געמאכט אונזער ערשטע נסיעה'לע אין אייראָפא, האָב איך פער־שפראָכען אז אונזער נעקסטער „טריפ" וועט איה"ש זיין ארץ ישראל, האָט גאָט געהאָלפען און מיין הבטחה איז מקוים געווארען.

דינסטאג, אין דעם מזל'דיגען טאָג, ביי וועלכען עס איז אין דער תורה געזאָגט געווארען צוויי מאָל „כי טוב", א' דר"ח אדר, תרפ"ח, אָדער דעם 21טען פעברואר, 1928, לפי חשבונם, זיינען מיר בשעה מוצלחת אָפגעפאָהרען פון ניו יאָרק מיט דער שיף „מאָרעטאניא", צווייטע קלאס, דירעקט נאָך חיפה, ארץ ישראל.

דאָס איז געווען דער „מאָרעטאניא'ס" קרוז אָדער טור־רייזע, וואָס זי מאכט איין מאָל אין יאָהר נאָך ארץ ישראל מיט, אזוי צו זאָגען, עטליכע הקדמות אָדער פאָרשפייזען.

איהר מארשרוט איז פאָראויס געווען באשטימט: מאדעירא, גיבראלטאר, אלזשיר, ניצע אָדער נים, און מאָנטע קארלאָ, נעאפאָל, אטהען, חיפה.

אָבער דער עיקר איז דאָס לעצטע, דער צימעס פון דער רייזע — ארץ ישראל. די ערשטע זיינען ניט מעהר ווי „אפּעטייזערס" צו א גוטער סעודה.

אזוי, הייסט עס, האָב איך געפיהלט. ווי אנדערע האָבען געפיהלט, ווייס איך ניט.

אין מיין פאַנטאַזיע האָבען זיך פאַרגעשטעלט בילדער און סצענעס פון היילינען לאַנד, וועמעס באָדען איך בין פון לאַנג אָן גערן געוועז צו באַטרעטען. אָט, דאַכט מיר, זעה איך דעם כותל המערבי, דאָס ביסעל נשאר פון אונזער אמאָליגע היילינטום; אָט שטעה איך אויפ'ן הר הצופים, און אָט שלעפּט מיך אוועק מיין פאַנטאַזיע אין א אידישער קאָלאָניע. איך זעה ווי אידישע קינדער נעהמען ארונטער אָראַנדזשען און ציטראָנען פון זייערע אייגענע בוימער און מיר דאַכט זיך, אז איך שפּיר דעם געשמאַקען ריח פון די פרישע פּרוכט. איך זעה חלומות אויף דער וואָהר און איך האָב שוין דערפון א גייסטיגען געגוס.

עס איז געוועז א ברענענדיגער פּראָסט, אפשר דער ערשטער גרויסער פּראָסט יענעם ווינטער. די שיף האָט געדאַרפט אָפּגעהן אום צעהן דעם זייגער אין דער פריה. מיר זיינען געוועז פון די „זריזין מקדימין" און נאָך מיט א שטונדע אָדער מעהר פריהער זיינען מיר שוין געוועזן אויפ'ן שיף, וועלכע איז שוין געוועזן אָנגעפילט מיט מענשען, פּאַסאַזשירען און די וואָס זיינען געקומען געבען זיי א „צאתכם לשלום".

מיט יעדען פּאַסאַזשיר איז געוועהנליך געקומען זיין פאַמיליע: קינדער, אייניקלאך, ברידער, שוועסטער און סתם קרובים, גוטע פריינד און שכנים. עס האָבען אויך ניט געפעהלט קאָמיטעען פון חברות, וועלכע האָבען באַגלייט זייערע חברה ברידער, און עס איז געוועזן ממש ניט צו דערשפּאַרען זיך.

און דער עולם איז, אָהן עין הרע, געוואָרען אלץ גרעסער אין גרעסער. די זאַלען און די האָלס זיינען צו ענג געוואָרען און מען האָט אפילו פאַרנומען די טרעפּ, און ווי קאַלט עס איז געוועזן אין דרויסען, איז אויפ'ן שיף געוועזן א היץ אזוי ווי אין מיצרים אין א תמוז טאָג.

א שפּאַס, אידען פאָהרען קיין ארץ ישראל זעהן זיך מיט דער

מוטער ציון, האָט מען זיך אָנגעקליבען שיקען גרוסען דער אַלטער מאמע...

און די מערסטע זיינען ניט געקומען מיט ליידיגע הענד. מען האָט מיטגעבראכט בלומען, בוקעטען, קערבעלאך פרוכט, פאפיראָסען, ציגארען און אַנדערע מתנות פאַר די רייזענדע.

עס פארשטעהט זיך, אז קיין שטילשווייגענים האָט אויפ'ן שיף ניט געהערשט. עס איז געווען א טומעל, א געפילדער און קולות עד לב השמים. פארשפעטיגטע האָבען ניט געקענט גע־פינען זייערע אייגענע, קינדער זיינען פארבלאָנדזשעט געוואָרען פון זייערע עלטערען, חתנים פון זייערע כלות, באָבעס פון זייערע אייניקלאך און אין דעם מיש־מאש האָט איינער פון דעם אַנ־דערען ניט געוואוסט.

און מיר טוט די זאך הנאה. צוליב וועמען איז דאָס די גאנצע שמחה? צוליב מיר און די אַנדערע וואָס האָבען די זכיה צו פאָהרען אין הייליגען לאַנד.

די שטיקעל צייט איז אוועק און עס האַלט שוין ביי די קושע־נים — קושענים מיט פריידען־טרערען, ווי דער שטייגער איז ביי אזא פאַל. מיר, איך און מיין פרוי, געזעגענען זיך אָפּ מיט אונזערע, די אַלע אַנדערע — מיט זייערע, די באגלייטער געהען ארונטער פון שיף, עס ווערט גראמער און מען אָטעמט פרייער. אָבער אויף די הערצער איז אַביסעל אָנגעשוואומען. מען שיידט זיך מיט די ליבסטע און טייערסטע און עס שטעהט פאַר אזא לאַנגע רייזע אויפ'ן ים. דאָס איז דאך ניט א גראָשענעם בייגעל אויפצועסען, און אין די הערצער טיאָבקעט א צוזאמענמיש פון פרייד און בענקעניש, זיכערהייט און מורא.

די שטריק, מיט וועלכע די שיף איז צוגעפעסטיגט צום האפען, ווערען אָפּגעבונדען און ארויפגעצויגען. די שיף טוט א פייף און הויבט זיך אָן ארויסרוקען.

איך שטעה אויפ'ן דעק און קוק אויף דער גרויסער מענגע מענשען, וואָס שטעהען אונטען און פאָכען מיט זייערע טיכלאך, און עס קומט מיר ארויף אויפ'ן געדאנק: אָט די אַלע מענשען זיינען דאָך מיך מקנא. איך פאָהר קיין ארץ ישראל און זיי ניט.

ווער איך שטאָלץ ביי זיך. א פונק פון גאוה גנב'עט זיך אין מיר אריין און מיין נשמה פיהלט עפּעס א מין מאָדנעם געַנוס.

די טבע פון מענשען איז, אז ער האָט הנאה ווען ער ווייסט אָדער ער דענקט אז מען איז איהם מקנא. יעדער וויל בעסער אז מען זאָל איהם מקנא זיין איידער חלילה באדויערען. אפילו ווען איינער ווייסט אז לייט זיינען איהם מקנא און פארגינען איהם ניט, איז דאָס ביי איהם אויך מעהר אָנגעלייגט ווי מען זאָל איהם באדויערען אפילו מיט אמת'ע פריינדליכע רחמנות־געפיהלען. קנאה, ווערט ערגעץ אין פסוק געזאָגט, פרעסט אויף דעם מענשענ'ס הארץ, און פאר דעם וואָס ווייסט אָדער דענקט אז אנדערע זיינען איהם מקנא, זאָג איך, איז עס א היילונג פאר זיין הארץ.

טראַכט איך מיך: א סך פון די וואָס שטעהען דאָרט און זעהען ווי די שיף שווימט אוועק, וואָלטען זיכער געוואָלט זיין, ווי דער אמעריקאַנער זאָגט, אין מיינע שטיוועל, און איך פיהל זיך געהויבען ביי זיך און איך גענים דערפון א נחת רוח.

די שיף דערווייטערט זיך בישלאכווייז פון ברעג. אָט פאר־שווינדט שוין דער האפען און מען זעהט בלויז די הויכע געביי־דעס. נאָך א שטיקעלע צייט און מען דארף זיך שוין גוט אָנ־שטרענגען צו זעהן די שפּיצען פון די ניו יאָרקער וואָלקען־קראַ־צער אָדער די האנד פון דער פרייהייטס־סטאטוע, און גוד באַי ניו יאָרק, צום ווידערזעהן אין א גוטען אופן.

וואָס איז איצט צו טאָן? איצט דארף מען זיך אָפּדינגען שטולען צו זיצען אָדער ליגען אויפ'ן דעק און זיך באזאָרגען מיט פלעצער אין עס־צימער.

עס איז פארשטאַנען געווען, אז מיר, אידישע פּאסאזשירען, וועלען האָבען אן עכט „כשר'ען טיבעל". א צאָהל אידען האָבען דאָס פאָראויס פארלאנגט. וואָס דען, פאָהרען קיין ארץ ישראל און זיך טריף מאכען אויפ'ן וועג?

האָבען די אגענטען, וואָס האָבען דער „מאָרעטאַניא" גע־בראכט כמעט דעם גאַנצען אידישען „טרייד", מבטיח געווען אין נאָמען פון דער שיפס קאָמפּאני, אז מען וועט האָבען אמת'ע כשרות, מיט א באזונדערע כשר'ע קיך, מיט כשר'ע פליישען,

מיט א משגיח, אלעם כדת משה וישראל. איז דאך, דאכט זיך, גוט; לסוף אבער איז די כשרות — אויב אפילו עס איז געווען אמת'ע כשרות — כמעט אינגאנצען בטל געווארען.

ווען מיר, צווייטע קלאסניקעס, זיינען געקומען פארשרייבען זיך צום „כשר טייבעל", האבען די ממונים, וואס האבען אויף דעם צו זאגען, אונז ערקלערט אז דער „כשר טייבעל" וועט זיין די „סעקאנד סעטינג". דאס הייסט, אז פריהער וועלען די ניט־אידען אפעסען זייערע טרפה'נע סעודות און נאכהער וועלען די אידען עסען זייערע כשר'ע מאלצייטען.

פארוואס קומט עס די גוים פריהער? ווייסען מיר דאך, אז עשו איז געווען דער אמת'ער בכור, און כאטש יעקב האט ביי איהם די בכורה אפגעקויפט, האלטען זיך עשו'ס אייניקלאך נאך עד היום מיט דער בכורה... אגב איז ביי א אידען גאר קיין בראק ניט צו עסען א ביסעל שפעטער. אידען זיינען ניט קיין רעבתנים, קיין פרעסער. א איד, ווען ער שטעהט אויף אין דער פריה, איילט ער זיך ניט אזוי צו דער אכילה. ער דארפט דאך פריהער אפגעבען דעם רבונו של עולם זיין חלק און אפדאווענען. איז טאקע בעסער אז דער אנבייסען וועט ארויסקומען א ביסעל שפעטער. זאלען די ערלים אנשטאפען זייערע גופים און מיר אידען האבען צייט צוווארטען.

און עס איז דאך אהן אלעמען בעסער וואס מיר וועלען זיך ניט מישען ביים טיש מיט די „הלעיטני'ס". וועט מען ניט פארבייטען קיין טיש־געשיר און מען וועט זיך עסען אידישלאך און בענשען אידישלאך און אפילו שבת זינגען זמירות אזוי ווי ביי זיך אין דערהיים.

האט מען זיך, ווי מען זאגט, נעריכט אויף אן עולם. ווייבער האבען שוין דערצעהלט א מעשה, אז מען האט דארט אויפ'ן שיף גופא נאר־וואס געקויליעט שעפסען און מען וועט פאר סאפער האבען פרישע „לעמב טשאפס".

איז ששון ושמחה אין אידישען לאגער. די רייזע, האט מען געוואוסט, דארף דויערען אכצעהן, ניינצעהן טעג, און אויפ'ן ים, זאגט מען, האט מען אפעטיט, איז טאקע זעהר גוט וואס מען איז באזארגט מיט כשרות.

זיינען אָבער צווישען אונז געווען רבנים און סתם גוטע און פרומע לייט, וועלכע האָבען אָנגעהויבען נאָכפרעגען אויפ'ן משגיח. מען וויל איהם זעהן, כדי דורך איהם מעהר באַפעס־טיגען די כשרות.

ציינט זיך א יונגערמאַן מיט א יארמולקע אויפ'ן קאָפּ און רעדט א פּשוט'ן היימישען אידיש, און שטעלט זיך פאָר אַלס דער משגיח, אָנגעשטעלט פון דער שיפס קאָמפּאַני. איז אָבער דער יונגערמאַן א בעל מום. עס פעהלט איהם דער עכט אידישער הדרת פנים — די באָרד.

הויבט מען שוין אָן עפּעס קווינקלען. א שאלה אויפ'ן משגיח גופא. רעדט מען זיך דורך צווישען זיך און עס ווערט געשאַפען א מין ועד הכשרות, וואָס זאָל געהן „אינספּעקטען" די קיך.

געהען אוועק א פּאָר בעלי בתים מיט א רב און זיי קומען צוריק מיט אַן „עט".

— וואָס האָט איהר אויסגעפונען?

— עט!

— איז די קיך אמת כשר?

— עט!

און וואָס מען פרעגט, איז די תשובה אַלץ — עט!

דער גוטער יאָהר ווייסט זיי, וואָס פאַר אנטדעקונגען דער „ועד" האָט געמאַכט. אָבער דער „עט" זייערער האָט געמאַכט די זאַך צווייפעלהאַפט און מען האָט געלערענט דעם פּשט, אַז לויט זייער מיינונג אָדער פּסק הלכה הינקט די כשרות אונטער, צי מצד די קיך, צי מצד דעם משגיח, צי מצד דעם כשר'ן פּראָ־וויאַנט גופא, אָבער עס איז ניט גלאַט.

דאָס איז געווען גענוג צו פאַראורזאַכען א גאַנצע איבער־קערעניש, און שוין ביים ערשטען מיטאָג איז ערקלערט געוואָרען א פליייש־סטרייק, אָדער ריכטיגער: א פליישיגס סטרייק. נאַ־טירליך ניט פון אַלעמען, עס זיינען געווען „סקעבס" אויך, און עס איז געוואָרען א מין דור הפלגה.

זיצען פינף אָדער זעקס פּערזאָן ביי איין טישעל, אָרדערט איינער „כשר טשיקען סופּ", און אַן אַנדערער הייסט זיך דער־

לאנגען פוטער, א דריטער וויל „כשר טשאפ מיט", א פערטער — „סווים טשיז", און אזוי ווייטער.

און די פליישיגע קוקען קרום אויף די מילכיגע, און די מיל־כיגע זיינען אנגעשטויסען אויף די פליישיגע, און טיש־געשיר ווערען צומישט און פארביטען, און מכולה מיט די כשרות.

איז נאכהער געווען וועגען וואס צו ריידען און דיסקוטירען. עס זיינען אנגעפיהרט געווארען ויכוחים פון מחמירים און מקילים אין דעם ענין און מען האט זיך אנגעהערט אי דברי תורה, אי עם הארצות, אי סתם נארישע און גראב־יונגישע פלאפלעריי.

טעג נאכאנאנד האבען די דעבאטעס אנגעהאלטען און עס איז אפילו געקומען צו מחלוקות, צו צאנקערייען, ניט בלויז צווי־שען פרעמדע, נאר אפילו אויך צווישען פרומע ווייבער און זייערע ניט פרומע מענער אדער פארקערט.

אבער טראץ די חילוקי דעות אין הלכות כשר וטרפה, האט זיך די אידישקייט גאנץ גוט אנגעזעהן אויפ'ן שיף. מען האט פאר אונז, אידישע פאסאזשירען, אפגעגעבען א גרויסען זאל אין דריטען קלאס אלס מקום להתפלל. אויך א ספר תורה איז געווען און חזנים און בעלי תפלה האבען דאך געווים ניט געפעלט און מען האט דארט אומגעשטערט געדאווענט דריי מאל טעגליך, ווי גאט האט געבאטען.

איז מען אין דער פריה ארויס אויפ'ן דעק, האט מען גע־זעהן אידען מיט טליתים און תפילינ'ס אונטער די ארמס געהענ־דיג צום דאווענען און אידענעס — צו הערען א ברכו און א קדושה אזוי ווי אין א היימיש חסידיש שטעדטעל.

מילא עסען ווי עסען, אבער דאווענען מוז מען דאך.

## .2

### געפילטע פיש לכבוד שבת. — עשו טוט אָפּ יעקב׳ן. — קלאַסיפיצירונג פון אידישע רייזענדע. חובבי ציון מרגלים. — קאַלוועריער דייטשען, פאָהרען זעהן די וועלט.

דער יונגער מאַן, וואָס האָט זיך גערופען משגיח, אָדער „סופּערוויזאָר” אויף די כשר'ע עסענס פאַר אידען, האָט נעבאָך געאַרבייט אויף אַלע כלים צו כשר'ן די „קאָושער קיטשען” אין די אויגען פון די „סטרייקערס”, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. זיינען דאָך אידען אַ עם קשה עורף, האָבען זיי געזאָגט: „ניין, מיר עסען ניט”. אַפילו זיין קומען דאַוונען בצבור און צייגען אַז ער טראָגט אַן ארבע כנפות, האָט אויך ניט געהאָלפען.

דעם יונגען מאַן האָט עס נעבאָך וועה געטאָן און ער האָט געטאָן וואָס נאָר אין זיין רשות צופרידענצושטעלען די אונצופרידיענע מיט כשרות.

דעם ערשטען פרייטאָג האָט ער צו־וויסען געגעבען, אַז אין אָוועַנד וועט מען האָבען געפילטע פיש. האָבען שוין אַפילו פרומע אידען גענומען זוכען אַ היתר. פיש איז דאָך ניט קיין פלייש. אויף פיש, אויב נאָר ניט קיין טרפה פיש, דאַרף מען אַפילו ניט קיין הכשר און קיין פלאָמבע און אפשר אויך קיין השגחה. הכלל גוט. אין געפילטע פיש ליגט ח"ו קיין סכנה ניט און מען מעג פון דעם נהנה זיין לכבוד שבת. אויב ניט קיין בשר, זאָל כאָטש זיין דגים.

האָט מען אומגעדולדיג געוואַרט אויף דעם. אָבער אַז עס איז ניט באַשערט אידען הנאה צו האָבען, האָט זיך פון די געפילטע פיש אויך אויסגעלאָזט גאָרניט מיט גאָרניט.

אין אָוועַנד, צום סאַפּער, אָדער דינער, ווי זיי רופען עס, מען קוקט אריין אין די שפּייז־קאַרטען, איז טאַקע דאָ געפילטע פיש. אמת, אַ ביסעל פאַרגרייזט: „גערפילטער פיש”, אָבער וואָס איז דער חילוק? מען ווייס דאָך וואָס דאָס מיינט. און

אז די קעלנער זיינען געקומען נעמען אָרדערס, האָבען אַלע אָנ־געציינט אויף די „גערפילטער פיש". „סארי", — האָבען די סטיוארדס אָדער קעלנער געענטפערט — „עס טוט אונז זעהר לייד. ניטאָ מעהר. מען האָט עס אינגאנצען אויפגעגעסען ביי דער ערשטער „סעטינג".

גוים, הלעיטני'ס, האָבען פארזוכט דעם אידישען מאכל און עס איז זיי געפעלען געוואָרען, האָבען זיי עס אינאנגצען אויפ־געגאַשט!

און אפשר האָט עס זיי גאָר ניט געשמעקט, נאָר וויסענדיג אז געפילטע פיש איז אַ אידישער נאציאָנאַלער מאכל לכבוד שבת, האָבען זיי עס די אידען ניט פארגונען, און בעדאי אַליין קיין הנאה ניט געהאט, אבי די אידען זאָלען אויך קיין הנאה ניט האָבען.

א קשיא אויף אנטיסעמיטען?

יענעם אָוועגד האָט דער ים שרעקליך געשטורמט און די שיף האָט זיך אזוי געוואָרפען, אז טעלער זיינען ארונטערגעפאלען פון די טישען.

אפשר איז דער ים טאקע בייז געווען אויף די גוים פאר דער עולה וואָס זיי זיינען באגאנגען געגען די אידען?...

און וואָס האָבען די פרומע אידען געטאָן? האָט מען די שבת'דיגע סעודה אויך אָפגע'פטור'ט מיט הערינג, סארדינקעס און קארטאָפעל אין די „פעלצלאך" און מען האָט אויף דעם זמירות געזונגען.

נאָך אַלעמען איז דאָך הערינג און סארדינקעס אויך פיש און על פי הדחק קען מען אפשר דערמיט אויך יוצא זיין.

מיר זיינען אויפ'ן שיף געווען, אונבאשריען, כמעט דריי הונדערט אידישע פאסאזשירען. פופציג זיינען געפאָהרען ער־שטע קלאַס, צוויי הונדערט — צווייטע, און עטליכע און פערציג דריטע קלאַס.

א היבשע אידישע קהלה צווישען הימעל און וואסער.

און פארשיידען זיינען די מענשען געווען אין זייערע דעות און מיינונגען. און די כונות און צוועקען פון דער רייזע זיינען אויך ניט געווען ביי אַלעמען איינע און די זעלבע.

לויט אונטערריידונגען וואָס איך האָב געהאַט מיט מיט־רייזענדע און פון געשפּרעכען וואָס איך האָב געהערט פון „רעד־לאַך" אָדער גרופּעס אידען, האָב איך געהאַט צו פאַרצייכענען און קלאַסיפיצירען די אידישע טוריסטען אין פאַרשיידענע קלאַסען.

א טייל זיינען געפאָהרען צוליב חיבת ציון. זיי פיהלען א בענקשאַפט נאָך ארץ ישראל, זיינען זיי געפאָהרען אהין זיצען דאָרט אזוי לאַנג ווי עס וועט זיי מעגליך זיין און זיך אומקערען צוריק. דער גאַנצער טור — האָבען זיי געזאָגט — אינטערעסירט זיי ניט. זיי ווילען זעהן דאָס הייליגע לאַנד און די אַלטע הייליגטימער, וואָס געפינען זיך אין איהר, און זייער וואונש און באַגעהר איז באַפרידיגט.

אנדערע זיינען געפאָהרען מיט דער דעה צו באַזעצען זיך אין ארץ ישראל און פאַרבלייבען דאָרט כל זמן עס איז זיי באַ־שערט צו לעבען. צווישען די זיינען געווען אזעלכע, וואָס האָ־בען שוין פון פריהער געהאַט נחלאות אָדער פּרדסים אין ארץ ישראל און זיינען געפאָהרען אהין ווערען דאָרטיגע בעלי בתים און זיצען, ווי אין פּסוק שטעהט: תחת גפנם ותחת תאינתם. מאַנכע ווידער זיינען געפאָהרען מיט דער דעה צו קויפען דאָרט לאַנד אָדער עטאַבלירען זיך אויף אַן אַנדער אופן און פאַרבלײ־בען ארץ ישראל־אידען.

עס זיינען אויך געפאָהרען אַמעריקאַנער אידען מיט פאַר־טיגע פּלענער פאַר געשעפטס־אונטערנעמונגען, וואָס זאָל זיי ברענגען מעסיגע פּראָפיטען אָדער אפילו גאַנץ קליינע פּראָפיטען, אָבער דער עיקר — זיי זאָלען דערמיט העלפען דעם בנין הארץ.

אזוי, וועניגסטענס, האָבען זיי געזאָגט, און אויב דאָס איז אמת, איז תבא עלינו ברכה. דאָס הייסט אידען אידעאַליסטען. הלואי האָבען מיר א סך אזעלכע.

עס זיינען אויך געווען א פּאָר אידען, וואָס זיינען געפאָהרען קיין ארץ ישראל בלויז צוליב מאַטעריעלע צוועקען, צו מאַכען געלד און דאָס אַלעס. איז איינער געפאָהרען מיט דער דעה צו פאַבריצירען א געוויסען אַרטיקעל פאַר אַמעריקא אין ארץ ישראל, פּשוט צוליב דעם, ווייל דאָרט וועט עס קאָסטען גאָר ניט דער ערך

ביליגער און די פראפיטען וועלען זיין פיל גרעסער ווי ער זאל דעם זעלבען ארטיקעל פאבריצירען אין דערהיים, אין אמעריקא.

אזוי האט דער איד אויסגערעכענט און צוליב דעם האט ער געמאכט די רייזע.

עס זיינען אויך געווען א פאר אידען, וואס האבען געפיהרט זייערע קינדער קיין ארץ ישראל צו געבען זיי דארט אן עכט־אידישע ערציהונג. אין אמעריקא — האבען זיי געזאגט — איז זעהר שווער צו מאכען א קינד פאר אן אמת'ן אידען אין פולען זין פון דיזען ווארט. די אטמאספערע און די סביבה איז אזעל־כע וואס קערט אפ יונגע הערצער פון אמת אידישען דרך. אין הייליגען לאנד אבער, גלויבען זיי, איז דאס אנדערש. דארט וועלען זייערע קינדער ערצויגען ווערען על דרכי התורה און זיי וועלען זיכער זיין אז זיי וועלען לאחר מאה שנה ניט איבערלאזען א דור פון „גוים".

א טשיקאווער אידען, דוקא א רייכען אידען, האב איך גע־טראפען, וועלכער האט מיר ערקלערט דעם צוועק פון זיין רייזע אומגעפעהר בזה הלשון:

„מען באדערט מיך מיט א קרן היסוד, מיט א יונייטעד ציון אפיל — גיב זיי געלד אויף ארץ ישראל! בין איך, פארשטעהט איהר מיך, א מענש, וואס האב פיינט צו קויפען א קאץ אין א זאק. ביי מיר אז איך גיב געלד, וויל איך זעהן און וויסען פאר וואס אדער אויף וואס איך גיב. האב איך מיר גענומען א וואַ־קיישאן, וועל זיין דארט אויפ'ן פלאץ און וועל זעהן די קאץ א נאקעטע. נאוסערי, ניט ביי מאטיען! גלאט אזוי אין דער וועלט אריין גיב איך קיין געלד ניט. אפילו א צובראכענעם סענט קריגען זיי ניט".

א איד וואס שפילט נאר אויף אן אפענע קארט און וויל גאר ניט איינשטעלען אין קאן בלא ראיה — איז דאך ניט שייך.

אפשר זיינען אויפ'ן שיף געווען נאך אזעלכע אידען מיט אזעלכע מעטאדען, וואס האבען געוואלט געהן, ווי מען זאגט, אויף אן אייזערנעם בריק אין דעם ענין פון געבען א דאלאר אויף ארץ ישראל. אפשר זיינען געווען אזעלכע וואס האבען מיט זייער רייזע באצוועקט איבערצוצייגען זיך, אויב עס איז גאר פאראן

אויף דער וועלט און ארץ ישראל. מאלע וואס מען זאגט? מאלע וואס די פייפערס שרייבען?...

קטני אמונה, קליין־גלויביגע, זיינען שטענדיג געווען און זיינען היינט אויך פאראן ביי אידען. אזא וועלט־באוועגונג ווי עס געהט אין די לעצטע יאהרען פאר ארץ ישראל; א באוועגונג, אין וועלכער עס זיינען פאראינטערעסירט די בעסטע און גרעסטע מענשען פון אונזער פאלק, פון דעסטוועגען זיינען נאך דא אידען וואס צווייפלען אין דער זאך, וואס טראכטען איבער, וואס זיינען חושד און גריבלען זיך אין דעם ענין און האבען רק מורא טאמער חס ושלום נארט מען זיי אפ, טאמער זוכט אימיצער רייך צו ווערען אויף זייער חשבון.

איך ווייס פון לייטע, וואס האבען צוגעזאגט געלד פאר'ן קרן היסוד נאך מיט א צייט צוריק, און ווילען עס ניט אוועקגעבען ביז זיי וועלען ניט וויסען גענוי וואס דארט, אין ארץ ישראל, טוט זיך. נאך זייער חשבון, האט מען שוין דארט געדארפט אויס־בויען פיתום און רעמסס מיט אלע „אימפרואוומענטס“, און צעהנדליגע טויזענדע אידישע פאמיליעס דארפען שוין דארט וואוינען פריי פון דירה־געלד, און די אידען דארפען האבען סטאדעס בהמות און ציגען, און די ציגען דארפען עסען באקסער פון איינענע אידישע בוימער, און נאך און נאך, און טאמער שטימט ניט זייער חשבון, טויג ניט.

דא איז כדאי צו באמערקען, אז די זאגע דאס ציגען עסען אין ארץ ישראל באקסער, איז אן אויסגעטראכטע. אזוי ווייט ווי איך בין אינפארמירט געווארען, איז באקסער גאר ניט קיין ארץ ישראל פראדוקט און דער מין וואקסט דארט גאר ניט. מילא נו, קיין גרעסערע בלבולים זאל מען ניט מאכען אויף אונ־זער לאנד.

די אידען ווילען זיך אויך ערקונדיגען ווי אזוי די ארץ ישראל געלדער ווערען דארט אין ארץ ישראל פארוואלטעט. אויב די פקידים און אנגעשטעלטע עסען בולקעס אדער פאמפערניקעל; אויב זיי טראגען הויזען אדער זיי געהען אין לאנגע העמדער, אזוי ווי די אראבער, וואס מען זעהט אין מואווינג פיקטשורס; אויב זיי רויכערען פאפיראסען, ציגארען אדער לאנגע אראבישע

ליולקעס, און אנדערע עהנליכע אינפארמאציעס, און ביז זיי וועלען ניט קריגען קיין גינסטיגע תשובה, זאגען זיי, וועלען זיי דאס געלד ניט אוועקגעבען.

מי יודע, אפשר האבען מיר אויפ'ן שיף געהאט „מרגלים חרש", געהיימע מרגלים אדער דעלעגאטען, וואס זיינען געפאהרען אין שליחות פון אזעלכע איינצעלנע אידען אדער חברות אויף זייער אייגענער חשבון אדער על חשבון הקהל.

די אונטערשטע שורה איז, אז פאר וואס פאר א צוועק עס זאל ניט זיין, אבער מען איז געפאהרען קיין ארץ ישראל. דער עיקר ציל, הייסט עס, איז געוועזן צו באזוכען דאס לאנד פון אונ־זערע אבות.

עס זיינען אויך געוועזן אידישע פאסאזשירען, וואס ארץ ישראל איז ביי זיי געוועזן א ביי־זאך. זיי זיינען געפאהרען „זעהן די וועלט" און די אידישע היימלאנד האט זיי ניט אינ־טערעסירט. אבער די האט מען אפשר געקענט איבערצעהלען אויף די פינגער פון איין האנד. דאס זיינען געוועזן קאלווערייער דייטשען, וואס זיינען געפאהרען ערשטע קלאס און האבען זיך מיט זייערע אידישע נעזער געטוליעט צווישען די גוים.

מיר האבען אויפ'ן שיף אויך געהאט איינציגע תושבים פון ארץ ישראל. א פאר רבנים, א פאר משולחים פון ארץ ישראל־אנשטאלטען און א פאר סוחרים, וואס האבען זיך צוריקגעקערט פון אמעריקא, וואו זיי זיינען געוועזן צוליב געשעפטס־אנגעלע־גענהייטען.

די ארץ ישראל'דיגע האבען געהאט צו ריידען בשבח ארץ ישראל, דערצעהלען די מעלות און די שעהנקייט פון הייליגען לאנד. אונז „גרינע", וואס זיינען אהין געפאהרען צום ערשטען מאל, האבען די שמועסען זעהר אינטערעסירט און אפטמאל גאנץ שטארק באגייסטערט.

איבערהויפט איינער, א מר אדער אדון איתין, א שעהנער בעל הבית פון חיפה, האט אם מעהרסטען געהאט „רעדלאך" ארום זיך. א בעל דברן, דער דאזיגער איתין. א איד מיט א פיסק, און טאקע א קלוגער און לאגישער מענש. ער פלעגט ארץ ישראל אפמעלדען מיט אזעלכע העלע, שעהנע פארבען, אז

מען האט איהם פשוט מקנא געווען וואס ער איז א דארטיגער תושב און קען שעפען אזוי פיל נחת.

פלעגט ער זיך נעמען שילדערען דעם הימעל, די לבנה און די שטערען ווי זיי זעהען אויס אין ארץ ישראל, האט מען זיך קיין שעהנערע זאך גאר ניט געקענט פארשטעלען, און די נייגע־ריגקייט צו זעהן דאס פלעגט זיך צופלאקערען אין מיין הארץ און מסתמא אויך אין די הערצער פון אנדערע, וואס האבען נאך ניט געהאט די זכיה צו זעהן דאס.

איך האב זיך שפעטער איבערצייגט, אז דער איד פון חיפה האט ניט איבערטריבען. ארץ ישראל פארמאגט טאקע עפעס אן אנדער מין הימעל, אן אנדער לבנה און אנדערע שטערען, וואס קוקען ארונטער אויף דער ערד לוסטיגער און פרעהליכער ווי אין חוץ לארץ, וואו אידען זיינען שוין אזוי לאנג אין גלות.

## 3.

### די אידישע העדקוואדערס. — ווארענעס צווישען אדלערס. — אן אגודה אחת פון פרומע. — גבאי־טעס און שעפסעלע מע. — די ערשטע סטאנציע.

די הויפט־העדקוואדערס, דער הויפט פארזאמלונגס־פלאץ פון די אידישע טוריסטען אויף דער „מארעטאניא", איז געווען אויפ'ן דעק און אין די זיץ־זאלען פון דער צווייטער קלאס. די צווייטע קלאס האט געהאט די מאיאריטעט אידען און האט געצויגען צו זיך די מינאריטעט פון די אנדערע קלאסען.

פלעגען קומען ערשטע קלאסניקעס אביסעל שמועסען, הער־רען מעשיות און אנעקדאטען, זיך באטייליגען אין דעבאטעס, פראווען ליצנות אדער נעמען א „האנד" אין א פינאקעל.

און פינאקעל האט מען געשפילט, אפילו פאוקער אויך. אין קארטען־שפיל איז מען ליבעראל. איינער קען זיך זיין א וואל סטריט בראוקער, א פרעזידענט אין א שוהל אדער אין א טעמפעל און ער שעמט זיך ניט צו מאכען א קערטעל מיט א שמש,

מיט אַ תלמוד תורה מלמד, מיט אַ בעדער אָדער מיט וועמען עס איז. אין קאָרטען־שפּיל זוכט מען ניט קיין יחוס, וכל הפּושט יד, ווער נאָר עס וויל נעמען אַ „האַנד" איז ווילקאָמען, מעג אפילו איינער זיין אַ געבילדעטער, אַ קענער און אַ באוואוסטע פּערזענ־ליכקייט און דער צווייטער — אַ גראָבער יונג אַ שפל שבשפלים.

בפּרט אונטערוועגנס, אין אַ סביבה פון כל'ערליי פרעמדע מענשען, איז געוויס רעכט וואָס פאר אַ „האַנד" עס קומט צו דער האַנד.

בלויז אַ גאַנץ קליינע צאָהל פון די אידען, וואָס זיינען גע־פאָהרען ערשטע קלאַס, האָבען ניט געהאַט קיין מגע ומשא מיט די אידען פון צווייטע און דריטע קלאַס. די מערסטע אָבער אידען און אידענעס ערשטע קלאַסניקעס האָבען זיך דאָרט גע־פיהלט זעהר אומבאַקוועם. אַזוי ווי וואָראַנעס צווישען אָדלערס זיינען זיי דאָרט געוועזן און זיי פלעגען זיך פון זייער רייכען מקום מנוחה ארויסכאַפּען אַזוי ווי פון אַ געפענגניס און די מעהר־סטע צייט פאַרברענגען אין דער אָרימערער סביבה, צווישען די אידען פון צווייטער און דריטער קלאַס, וואו מען הערט אַ אידיש וואָרט און מען קען ריידען אַ אידיש וואָרט, טאַקע בקול רם, אַזוי ווי צו אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג אין אידישען טעאַטער, און מען דאַרף זיך ניט שעמען ניט מיט'ן לשון און ניט מיט די אידישקייט אָדער אידישער אָפּשטאַמונג בכלל.

עס אז אָפּטמאָל אַ ביטערער רחמנות אויף די „וואָראָנעס" וואָס שפּאַרען זיך אין קרייזען פון „אָדלערס", מיינענדיג אַז זיי וועלען קענען צושפּרייטען זייערע וואָראָנע־פליגעל און זיך פאַר־שטעלען אַלס אָדלערס, און לסוף האָבען זיי אונאַנגענעמליכקייטען און ליידען נאָך אָפּטמאָל חרפות און בזיונות. נאָך מעהר רחמנות איז אויף די וואָס פאַלען אריין אונבאַוואוסטזיניג אין אַ פרעמדע סביבה, צווישען גאָר אַנדערע סאָרטען מענשען, מיט וועלכע זיי קענען זיך ניט חבר'ן, טאַקע פונקט ווי וואָראָנעס קענען זיך ניט חבר'ן מיט אָדלערס.

איינער אַזעלכער, אַן ערשטער קלאַסניק, האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז ער איז אריינגעפאַלען אין ערשטע קלאַס אונבאַ־וואוסטזיניג. קינדער האָבען עס איהם געוואָלט אַ טובה טאָן

און געקויפט פאַר איהם אַ שיפס־קאַרטע ערשטע קלאַס; אָבער ער פיהלט זיך דאָרט זעהר ניט גוט. ער איז אַ אידישער מענש, וואָס היט זיך שטאַרק פאַר מאכלות אסורות, געהט ניט צום טיש עסען אָהן נטילת ידים, עסט אפילו ניט בגלוי ראש, און ער דאַרף זיצען צווישען גוי'אישע „ספּאָרטס", וועלכע קוקען אויף איהם אַזוי ווי אויף אַ משוגע'נעם און חכמ'ען זיך און וויצלען זיך אויף זיין חשבון. דעריבער אנטלויפט ער פון דאָרט אַזוי ווי פון פייער און ער איז זיך ממש מחיה, ווען ער געפינט זיך אין קרייז פון אידען, וואו ער איז אַ מענש גלייך מיט אַלעמען און איז ניט קיין ציל־ברעט פאַר שפּאַס און חוזק.

דעריבער זאָגט מען דאָך: בינד מיך הענד און פיס און וואַרף מיר צווישען אייגענע.

סאַי ווי סאַי האָט מען זיך געהאַלטען בחברותא אַזוי ווי ריכטיגע כל ישראל חברים, מיט דער אויסנאַמע פון די געצעהל־טע „בישנים" פון דער ערשטער קלאַס, וועלכע האָבען אפשר צוליב עניוות געוואָלט באהאַלטען דעם פאַקט, אַז זיי זיינען בני מלכים, פּרינצען, די אייניקלאַך פון אברהם, יצחק און יעקב...

מיר האָבען געהאַט נאָך אייניגע, וואָס האָבען זיך אַ קאַ־פּעלע געהאַלטען אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע אידישע טוריסטען און וועניג מיט זיי פאַרקערט. דאָס זיינען געווען עקסטרים פרומע, אגודה'ניקעס, וועלכע דענקען, אַז זיי זיינען דאָס אויבער־שטע פון שטויסעל אין אידישען פאָלק און אַלע אַנדערע אידען זיינען אין זייערע אויגען ווי קנאָבעל שאַלאַכץ... אָט די עקס־טרימע פרומאַקעס האָבען זיך אַביסעל געהאַלטען פון ווייטענס, אָבער האָבען זיך פאַראייניגט מיט'ן כלל ביים דאַווענען און האָבען גאַנץ פיין געפּראַוועט גוט־ברודערשאַפט, ווען איינער, אפילו ניט פון זייערע, האָט געהאַט יאָהרצייט און געגעבען „תיקון".

פרייטאָג נאַכט צו קבלת שבת פלעגט מען זינגען „לכה דודי" און אַנדערע שירים. אין „כאָר" זיינען געווען יונגע לייט־לאַך, אפשר גאָר ניט קיין וואַזשנע צדיקים און מיט ניט זעהר כשר'ע מיילער; אָבער אפילו די פרומסטע האָבען ניט געהאַט דאַגעגען מצרף צו זיין זיי אין אַ זמר'ל אָדער הערען אַ זמר'ל פון זיי אַליין. אַזוי איז אויך געווען נאָך דער ערשטער סעודה

של שבת, ווען מען פלעגט זיך צוזאמענקלייבען אין „מקום להתפלל" און זינגען זמירות.

עס פלעגען זינגען צוזאמען מיילער וואס האבען אפגע־פטור'ט דעם שבת'דיגען מאלצייט מיט הערינג און קארטאפעל, און מיילער, וואס האבען לכבוד שבת געגעסען בשר ודגים וכל מיני מטעמים, ניט דוקא פון דער „כשר קיטשען"...

אין דעם פרט זיינען אפילו די אגודה'ניקעס געווען אן אגודה אחת מיט אלעמען, וואס פאהרען אין איינער און דערזעלבער וועג — קיין ארץ־ישראל.

עס איז ווערט צו באטאנען, אז אונזער אידישע קהילה אויפ'ן ים האט געהאט אלעס וואס יעדע אידישע קהילה אויף דער יבשה האט און מוז האבען. אפילו גבאי'טעס אדער „אויסקלייבער־קעס" און אויך גבאים און משולחים, וואס האבען געקליבען נדבות צווישען די אידישע פאסאזשירען און פאסאזשירקעס, האבען אויך ניט געפעלט. פארוואס זאלען „פלעזשורניקעס" אויף א שיף זיין פטור פון צדקה? פארוואס זאל א שיף אויפ'ן ים זיין ערגער אדער בעסער ווי זומער־ אדער ווינטער־פלעצער אויף דער יבשה, וואוהין אידישע קינדער פאהרען ארוים פאר פלעזשור און זיינען דארט ניט פריי פון פארשיידענע „פאלע רייסער"?

זיינען געווען ווייבער, וואס האבען זיך פארגעשטעלט אלס גבאי'טעס פאר געוויסע אנשטאלטען אין ארץ ישראל און גע־קליבען נדבות פאר יענע אנשטאלטען. ווער עס האט געוואלט האט געגעבען, און ווער עס האט ניט געוואלט, האט געזאגט ווי יענער האט געזאגט: „איך קויף ניט קיין קאץ אין קיין זאק. וועל איה"ש אליין זיין אין ארץ ישראל און וועל זעהן וואס דארט איז. אויב עס איז כדאי צו געבען, אויב עס איז ווערט צו געבען, וועל איך געבען".

איין טאג געפינען מיר אויפגעקלעפט א „מודעה", אז „בשעה התשיעית בערב", אום ניין דעם זייגער אין אווענד, וועט איינער פון די פאסאזשירען, אן ארץ ישראל איד, א רב און א שופט — א ריכטער — האלטען א פארטראג איבער ארץ ישראל און אלע זיינען געבעטען צו קומען הערען.

הערען א פארטראג איבער ארץ ישראל — זעהר שעהן.

מהיכא תיתי, פאַרוואָס ניט? יעדער איז נייגעריג צו וויסען וועגען ארץ ישראל וואָס מעהר.

האָט זיך אַ גרויסער אידישען עולם צוזאַמענגעקליבען צו דער באשטימטער צייט אויפ'ן באשטימטען פּלאַץ און דער רעדנער האָט אָנגעפאַנגען זיין פאַרטראַג אומגעפער אַזוי:

— רבותי, אידישע קינדער פון אמעריקא. איהר פאָהרט דאָך אַלע קיין ארץ ישראל, וויל איך אייך באַקאַנט מאַכען מיט דאָס הייליגע לאַנד, איבערהויפּט מיט אַ וויכטיגען ענין, וואָס האָט צו טאָן מיט בנין הארץ. געוויס ווילט איהר אַלע אַז ארץ ישראל זאָל אויפגעבויט ווערען, און וואָס שנעלער און בעסער אויפגעבויט ווערען, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה:

— אין ארץ ישראל זיינען פאַראַן בערג, ווי דער פסוק זאָגט: „ירושלים הרים סביב לה". די בערג פּוסטעווען און ממש זיי בעטען זיך: „קינדער, הלמאי לאָזט איהר אונז פּוסטעווען? אייערע אור־עלטערען אין די אַמאָליגע צייטען פלעגען אויף אונז פּאַשען שאָף און רינדער און היינט זיינען מיר וויסט". לכן, איז אַ חוב גדול און אַ מצוה גדולה צו ברענגען די דאָזיגע עלענדע בערג אַ תיקון. בין איך געפאַלען אויף אַ גליקליכע און טייערע אידעע צו שאַפען אַ אידישע עדת רועים — אַ פּאַסטוכער־געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך אָפּגעבען מיט שאָף־צוכט, מיט פּאַשען שעפּסען, אַ בכבוד'ע פּראָפעסיע, מיט וועלכע אונזער פּאָטער יעקב און זיינע זיהן, די הייליגע שבטים, זיינען געווען באַשעפטיגט, און אונזער גרויסער רבי און פיהרער משה איז אויך געווען אַ רועה צאן. איז וואו צו פּאַשען די שעפּסען, האָב איך אייך שוין געזאָגט, איז פאַראַן — די בערג. פּאַסטוכער וועלען אויך ניט פעהלען. וועלכער איד וועט זיך עס ניט אָנכאַפּען אָן דעם? פעהלען נאָר שעפּסען, און דאָס, רבותי, ליגט אין אייערע הענד.

דאָס אומגעפער איז בלויז געווען אַן הקדמה, און דער הויפּט תמצית פון פאַרטראַג איז געווען, אַז היות אַזוי ווי ער, דער רעדנער, האָט אויף זיך גענומען די גרויסע מצוה און די הייליגע שווערע אויפגאַבע צו שאַפען שעפּסעלאַך פאַר די אידישע פּאַסטוכער, לכן, זאָל דער גאַנצער קהל הקודש איהם העלפען אין דער דבר גדול. זאָל יעדער איד קויפען כאָטש צו איין־איינציגע

שעפּסעלע פּאר יעדען מיטגליד פון זיין פאמיליע און די הרי יהודה וועלען אויפהערען טרויערען אויף זייער וויסטקייט און ארץ ישראל וועט דורכדעם געבויט ווערען און פילע אידען ווע־לען געהאָלפען ווערען.

א פּרייז האָט ער געשטעלט צו פינף דאָלאר א שעפּסעלע און געהייסען דעם עולם צוטראָגען די פּינפערלאך.

נאַטירליך, מאך איך עס בקיצור. ער, דער רעדנער, האָט זיך צושפּרייט גאנץ ברייט מיט מליצות, מיט שילדערונגען: אָט הערט מען שוין אידישע שעפּסעלאך מעקען אויף די בערג פון יהודה, אָט זעהט מען ווי מען שערט די שעפּסעלאך, אָט שפּינען שוין אידישע טעכטער זייערע וואָל און אָט וועבט מען שוין פון דעם כשר'ע ארץ ישראל טליתים, און אָט קושען שוין אידען כפול שמונה'דיגע ציצית געמאַכט פון די וואָל־פעדים פון אידישע שאָף, געפּאַשעט פון אידישע פּאסטוכער אויפ'ן באָדען פון דער אידי־שער היימלאנד.

די גמרא זאָגט ערגיץ אויף אונז אידען: „נתבעין לעגל ונותנין" — מען מאָנט זיי אויף א קאלב גיבען זיי, און וואָרום זאָל א שעפּסעלע זיין ערגער ווי א קעלבעל? האָבען זיך אידען אָפּגערופען. אמת, מען האָט ניט געשאָטען מיט גאָלד אזוי ווי ביים מעשה העגל, אָבער מען האָט געגעבען. נאָך אַלעמען איז דאָך א דבר ידוע, אז צום עגל הזהב האָט מען זיך געבוקט אין אַלע צייטען און מען בוקט זיך היינט אויך צו איהם, אָבער א שעפּסעלע האָט ניט אזא קראפט, אזא כח המושך. דאָך האָט דער רעדנער, דער אונטערנעמער פון דער זאך, געזאַמעלט א ביסעל פּינפערלאך.

זיינען געפּאָהרען אויפ'ן שיף א פּאָר אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָבען די קליינוואַרג געהערט אז מען פאר־קויפט שעפּסעלאך, זיינען זיי צוגעשטאַנען צו זייערע טאַטעס: „דעדי, באַי מי איי שעפּסעלע". נו, קען מען זיך עפּעס פון קינ־דער אָפּטשעפּען? האָבען די טאַטעס געקויפט. עס זיינען גע־ווען אזוי אידען און אידענעס, אָהן קינדער, וואָס דעם רעדנער'ס רייד האָט זיי „פּאַנאַנדערגענומען" און זיי האָבען אויך איינ־געהאַנדעלט די סחורה וואָס ער האָט פאַרקויפט...

אין פארלויף פון דער רייזע האט דער זעלבער איד, וואס האט זיך גערופען „רב" און „שופט" געהאלטען נאך א שעפסענע דרשה נאך מיט מעהר התלהבות און מיט א קאפעלע זידלערייי פארוואס דער עולם רופט זיך ניט אפ געגוג, און עס האט ארייג־געבראכט נאך אביסעל פינפערלאך.

איך מיין ניט צו קריטיקירען דעם עצם ענין, ווייל מיין טבע איז ניט צו קריטיקירען און ניט חושד זיין קיינעם. בפרט אויף א אידען, וואס איז א שופט, א ריכטער, טאר מען געווים ניט איבערטראכטען אין דער שלעכטער זייט. השופט הארץ לא יעשה משפט? מסתמא איז זיין כונה געווען צו גוטען, און מיר פשוט'ע מענשען דארפען זיך ניט גריבלען אין דעם. מאנען דין וחשבון — אודאי ניט.

איך דערצעהל נאר א מעשה שהיה, אלס א טייל פון מיין רייזע־באשרייבונג, אקוראט אזוי ווי איך האב דערצעהלט און וועל נאך דערצעהלען פון די פאסירונגען און געשעהענישען און וואס איך האב געהערט און געזעהן אין משך פון מיין נסיעה. דאס אלעס וואס איך באצוועק און מעהר גאר ניט.

וועגען דעם ענין פון די שעפסעלאך איז אויך געווען גענוג צו ריידען און דיסקוטירען און מען איז לעדיג ניט געזעסען.

די דעבאטעס און די מיינונגס־פארשיידענהייטען אין פאר־שיידענע ענינים האבען געמאכט די רייזע פיל אנגענעמער. מען האט זיך קיינמאל ניט געפיהלט לאנגווייליג און די צייט איז גע־לאפען און מען האט זיך אלץ דערנענטערט צו ארץ ישראל.

דינסטאג, דעם 26טען פעברואר, ווען מיר זיינען אויפגע־שטאנען אין דער פריה, איז אונזער שיף געשטאנען ביי מאדעירא.

דאס איז געווען די ערשטע אפשטעל־סטאנציע, וואס מיר האבען געהאט אויפ'ן וועג.

## .4

### א שפּיצעל פון שר של ים. — מאַדעירא'ער געהען טבילה. — מען האַנדעלט מציאות. — תרעומות אויפ'ן שיפס־קאַפּיטאַן. — דער פעלז פון גיבראַל־טאַר. — געפּאַקט א אַנטיסעמיטעל.

אונזער שיף שטעהט ביי פונטשאל, די הויפּט שטאָדט פון די מאדעירא אינזלען, וואָס באַלאַנגען צו פּאָרטוגאל. די שיף שטעהט א היבשע שטרעקע ווייט פון ברעג און צופאָהרען צום שטאָדט מוז מען מיט קליינע שיפלאך.

לויט דעם טור־פּראָגראם האָבען מיר דאָרט געדארפט לאַנ־דען און פארברענגען דעם טאָג אין שטאָדט.

די פּראָווינץ מאדעירא איז א שעהן, אינטערעסאנט ווינקעל פון אונזער וועלטעל. זי איז רייך מיט שעהנע, פּראכטפולע לאַנדשאַפטען און נאטור פּאַנאָראמעס. איהרע בערג און טאָלען פארנעמען דאָס אויג; איהרע בלומען־גערטנער האָבען א שם אויף דער וועלט און איהרע ויינען דערקוויקען די הערצער פון טרינקער אין אַלע לענדער.

מאדעירא איז אויך באריהמט מיט די עמבראָידערי, שטרי־קערייען, וואָס ווערען דאָרט געמאכט. מאדעירא'ער שטריקע־רייען האָבען אַן אָפּגאַנג איבעראל און מען צאָהלט דערפאר די העכסטע פּרייזען.

א גרויסע אינדוסטריע אין מאדעירא איז דאָס פלעכטען קערב, שטולען און אנדערע הויז־ארטיקלען פון ריטער. די דאָ־זיגע ארבייט ווערט דאָרט זעהר שעהן און קונציג געמאכט און ווערט פארקויפט פאַר שפּאָט ביליג.

מאדעירא האָט א שטיקעל מחותנ'עשאפט מיט אמעריקא. קריסטאָפער קאָלומבוס, דער אנטדעקער פון אמעריקא, האָט דאָרט חתונה געהאט. נאָך א היסטאָרישע געשעהעניש האָט דאָרט פּאסירט: קעניג קארל, דער טראָנפאָלגער פון קייזער פראנץ יאָזעף, איז דאָרט געשטאָרבען אין גלות.

איז אונז מעהר־וועניגער אינטערעסאנט געווען צו לאַנדען

און אָנקוקען די שטאָדט און די אומגעגענד. דער פּאַקט, אַז די מאַדעיראַ׳ער זיינען אומוויסענד און זעהר אַ קליינער פּראָצענט פון די דאָרטיגע איינוואוינער קענען שרייבען אָדער לעזען, האָט אונז געבראַכט מעהר אינטערעס צו באַקענען זיך מיט׳ן לאַנד און איהרע מענשען. דאָס איז דאָך מערקווירדיג. בנוגע געלעהר־זאַמקייט זיינען זיי הינטערשטעליג, כמעט אין אַ האַלב ווילדען צושטאַנד, און אין פּרטים זיינען זיי אַזוי אַנטוויקעלט, אַז זיי שטייגען איבער די איינוואוינער פון ציוויליזירטע לענדער.

אָבער ס׳איז אונז מסתמא ניט באַשערט געווען צו באַטרע־טען מאַדעיראַ׳ס באָדען, האָט דער שר של ים אונז אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל און מיר האָבען געמוזט פאַרבלייבען אויפ׳ן שיף.

גראָד איז דער ים געווען שטורמדיג און די לופט אָנגעפילט מיט אַ געדיכטען טומאַן, האָט דער קאַפּיטאַן ניט געוואָלט שטע־לען זיינע פּאַסאַזשירען אין געפאַהר און לאָזען זיי צופאָהרען צום ברעג מיט קליינע שיפלאַך.

איז מען געשטאַנען אויפ׳ן דעק און מיט זשעדנע בליקען געקוקט אויף דער בערגינער מאַדעידאַ. וואָלקענס און דער טו־מאַן האָבען אַ סך פאַרשטעלט די שעהנע לאַנדשאַפט, אָבער דורכ׳ן טומאַן האָט מען געקענט זעהן ווי עס גרינט און בלומט דאָרט, און מען האָט זיך ניט געקענט אָפּקוקען פון דעם פּראַכטפולען שטח לאַנד, צו וועלכען מען האָט ניט געקענט צוקומען.

אָבער אַז מיר האָבען ניט געקענט צוקומען צו מאַדעיראַ, איז מאַדעיראַ צו אונז געקומען.

עס זיינען צום שיף צוגעפאָהרען שיפלאַך מיט באַרקעס אָנ־געלאָדען מיט געפלאָכטענע קערב, שטולען און אַנדערע זאַכען פון זעלבין מין, וועלכע די מאַדעיראַ׳ער האָבען געבראַכט צו פאַר־קויפען.

האָבען זיך צווישען די פּאַסאַזשירען פון דער „מאָרעטאַניאַ" געפונען קונים. ארץ ישראל׳דיגע וואָס זיינען געפאָהרען אַהיים, האָבען געקויפט אַרטיקלען פאַר זייער אייגענע באַלבעטישקייט, און אַמעריקאַנער — אלס מתנות פאַר קרובים אין ארץ ישראל.

און אַזוי ווי צוזאַמענריידען זיך מיט די מאַדעיראַ׳ער האָט

מען ניט געקענט, איז דער מסחר צוגעגאַנגען אַם מערהסטען דורך פינגער־צייכענס.

דער מוכר פון אונטען האָט אָנגעצייגט, למשל, אויף אַ שטול און דערביי אַ הויב געטאָן אַ האַנד און געצייגט דריי פינגער. דאָס האָט געמיינט: דריי דאָלאַר. האָט זיך דער קונה געדונגען און געצייגט איין פינגער. דאָס האָט געהייסען, אַז ער גיט איין דאָלאַר. האָט דער מוכר אַרונטערגעלאָזט אַ האַלבען פינגער און דער קונה צוגעלעגט אַ האַלבען פינגער, און אַזוי האָט מען זיך געדונגען אויף האַלבע פינגער און פערטעל פינגער ביז מען איז דורכגעקומען מיט'ן מקח. מען האָט דעם געקויפטען חפץ אַרויפגעצויגען מיט אַ שטריק, מיט דערזעלבער שטריק אַרונטער־געשיקט דעם פּרייז און פּטור.

און מען האָט דאָרט געהאַנדעלט אמת'ע מציאות. פּאָר אָנ־דערטהאַלבען דאָלאַר אָדער נאָך פּאָר וועניגער האָט מען געקויפט אַ קונציג געפלאָכטענעם אַרמשטול, און ווייבער, וואָס האָבען בטבע אַ גרויסען חשק צו מציאות, האָבען ממש געשלונגען די שפּייאַכץ.

עס זיינען אויך אָנגעקומען שיפלאך מיט מאַדעירא'ער שנאַ־דערס אָדער קונצענמאַכער. איך ווייס אַליין ניט ווי איך זאָל זיי רופען. די זיינען געקומען כמעט איינגאַנצען נאַקעטע, כאָטש אין דרויסען איז געווען גאָר ניט וואַרים, עס איז געווען אַ פוילע קעלט אַזוי ווי ביי אונז אין אַ קאַלטען הערבסט־טאָג, אָבער זיי האָט עס אַפּנים ניט געקימערט.

צו זיי, צו דער כאָפּטע, האָט מען אַרונטערגעוואָרפען מטבעות, ניט אין די שיפלאַך, נאָר אין ים, און זיי האָבען עס געכאַפּט. איז אַ מטבע אַרונטערגעפאַלען אין פראַנט פון איינעמס אַ שיפעל, האָט דער מאַדעירא'ער דערלאַנגט אַ שפּרונג מיט'ן קאָפּ אַרונטער אין ים און צוריק אַרויפגעקומען מיט דער מטבע אין האַנד. און ווי געשיקט און פלינק זיי האָבען געמאַכט די „טבילות" אין ברויזענדען וואַסער, פלאי פלאים!

איז זיך דער עולם געשטאַנען און צוגעקוקט די קאָמעדיע אויפ'ן חשבון פון די וואָס האָבען געוואָרפען די פּענים, ניקעלס

אָדער דיימס און אי די וואַרפער, אי די כאַפּער, אי די פרייע צוקוקער האָבען זיך גאַנץ פיין אמוזירט.

עס זיינען געווען אידען, וואָס זיינען געווען אָנגעשטויסען און זיך גע׳ברוגז׳ט אויפ׳ן שיפס־קאַפּיטאַן פאַר׳ן שטעהן ביי מאַדעירא. אז ארונטערגעהן פון שיף לאָזט ער ניט, טאָ צו וואָס דער שטעהן? איז דאָך גלייכער מען זאָל פאָהרען ווייטער און אָנקומען פריהער קיין ארץ ישראל. אין דעם פאַרלאַנג איז געווען אַ צווייפאַכע כונה. ערשטענס, באַטרעטען דעם באָדען פון הייליגען לאַנד וואָס פריהער; והשנית, האָט מען געוואוסט, אַז די שיף דאַרף אָנקומען אין חיפה אום שבת פריה, איז דאָך גלייכער מען זאָל אהין אָנקומען פרייטאָג, וועט מען קענען געהן אין אַן ארץ ישראל׳דיגען מרחץ לכבוד שבת, מקבל שבת זיין אין אַן ארץ־ישראל׳דיגער שול און עסען אַן ארץ ישראל׳דיגען צימעס כדת וכדין. ווענען דעם דאָזיגען פונקט איז שפּעטער געווען אַ גאַנצע מהומה אויפ׳ן שיף. איך וועל עס דערצעהלען, ווען איך וועל האַלטען דערביי.

אָבער סאַי ווי סאַי, איז דאָך דער קאַפּיטאַן אַ גוי און ער ווייסט ניט פון אידישע חשבונות. איז זיך די שיף אָפּגעשטאַנען איהר צייט און ערשט שפּעט ביינאַכט איז זי אַוועק איהר וועג.

דינסטאַג פריה, דעם 28טען פעברואר, זיינען מיר אָנגעקומען אין גיבראַלטאַר.

גיבראַלטאַר האָט פאַר אונז אידען מעהר אינטערעס ווי מאַדעירא. אויסער דער באַריהמטער פעלז פון גיבראַלטאַר, וואָס איז פאַררעכענט אַלס איינער פון די זיבען וועלט־וואונדער, איז אין גיבראַלטאַר פאַראַן אַ פיינע אידישע קהילה, אָדער ריכטיגער: עטליכע אידישע קהילות, און עס איז אַ סברא, אַז די ערשטע סעטלערס אָדער גרינדער פון גיבראַלטאַר זיינען געווען מאַראַנען, אנוסים פון שפּאַניען, וועלכע זיינען אנטלאָפען פון די נענעל פון דער שרעקליכער און גרויזאַמער אינקוויזיציע.

גיבראַלטאַר איז איצט אונטער ענגלאַנד, וועלכע איז דאָרט שטאַרק באַפעסטיגט אין דער פון נאַטור געשאַפענער פעסטונג — דער פעלז פון גיבראַלטאַר.

שטעה איך מיר אויפ׳ן דעק פון שיף און קוק אויף די ענגלי־

שע קריגס־שיפען, וואָס שטעהען ביים שטאָדט און די אָפענע מייד־לער פון קאנאָנען, וואָס זעהען זיך פון פעסטונג, און איך טראכט ביי זיך: נאָך אַלעמען האָבען נאָך די פארהאנדלונגען אין ווער־סייל נאָכ'ן וועלט־קריג מיט די אַלע פונקטען און תנאים פון אונ־זער פארשטאָרבענעם פרעזידענט ווילסאָן נאָך אַלץ ניט געפיהרט צו אַ שלום, צו אַ וועלט־פרידען. אַזוי לאַנג מען זעהט נאָך אָט די דאָזיגע סטראַשידלעס, איז נאָך ווייט פון ישעיה הנביא'ס נבואה: „לא ישא גוי אל גוי חרב".

און עס איז מיר ארויפגעקומען אויפ'ן זינען מיינער אַן אמאָליגער רבי מיט די „לאָקשען". ער האָט ליב געהאַט צו שמיי־סען זיינע תלמידים און טאַקע מיט כפול שמונה'דיגע „לאָקשען", וואָס זיינען שטענדיג געהאַנגען אויפ'ן וואַנד נעבען איהם. האָט אַ אינגעל עפעס פארזינדיגט, האָט ער ארונטערגעכאַפּט די „גע־צייג" פון וואַנד און געקאַטעוועט. די ווייב זיינע, די רביצין, איז געווען אַ אידענע אַ רכת לבב, אַ גוטהערציגע, און זי האָט ניט גע־קענט צוזעהן ווי דער רבי שמייסט אונז. פלעגט זי אָפטמאָל אָפּ'גנב'ענען די „לאָקשען" און באַהאַלטען. אַז מיר אינגלאַך פלעגען קומען אין חדר און זעהן אַז די כלי משחית, דער שמייס־אינסטרומענט, איז ניטאָ אויפ'ן וואַנד, זיינען מיר זיכער געווען, אַז דעם טאָג וועלען מיר זיך שוין אויסדרעהען פון שמיץ. האָ־בען מיר אָבער די „לאָקשען" געזעהן הענגענדיג אויפ'ן וואַנד, זיינען מיר שוין גאָר ניט זיכער געווען פון ניט געשמיסען ווערען. אַזוי — האָב איך געטראכט — איז מיט'ן וועלט־פרידען אויך. אַזוי לאַנג מען האָט נאָך ניט אויפגעראַמט די „לאָקשען", די קריגס־שיפען און קאנאָנען, איז אַ מורא, אַז מען וועט זיך נאָך שמייסען און אַפילו די ליג פון נאַציאָנען וועט עס אויך ניט אָפּ־האַלטען.

אַזוי איז מיר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק אין מיין מח. מאַלע וואָס פאַר אַ פוסטע רעיונות עס מישען זיך אָפטמאָל אין אַ מענ־שען'ס קאָפּ?

עס איז געווען כמאַרנע און רעגענדיג, אָבער דער ים איז געווען רוהיג. זיינען מיר באַלד נאָך פריהשטיק צוגעפאָהרען צום ברעג מיט קליינע דאַמפּפערס. דאָרט האָבען שוין געוואַרט גע־

דעקטע בריטשקעס, געשפּאַנט צו פערד, אויך גאַידס, וועג־ווייזער, וואָס מר. ראָזען פון די טרעוולינג־איידזשענסי, וועלכער איז מיט אונז מיטגעפאָהרען, האָט באַשטעלט, און אַריינזעצענדיג זיך צו פיר פּערזאָן אין אַ בריטשקע זיינען מיר אַרויסגעפאָהרען „סאַיט סיאינג", אָנקוקען, הייסט עס, די שטעדטעל.

די שטאָדט איז אַלט און ניט באַזונדערס אינטערעסאַנט. שמאָלע און מאַנכע ברייטערע גאַסען און די אַרכיטעקטור ניט פון די געהויבענע.

אונזער פוהרמאַן, אַ שפּאַניאָל, וואָס האָט אַ ביסעל „געבעט" ענגליש, האָט אונז אָנגעצייגט: דאָ איז דער האַנדעלס־צענטער, דאָ איז אַ רעגירונגס־געביידע, דאָ איז דאָס, דאָ איז יענעס, און האָט אַלץ געזוכט נושא חן זיין ביי די אַמעריקאַנער, מסתמא כדי ער זאָל קריגען אַ „טיפּ".

אויפ'ן וועג האָט מען אויף אונז געמאַכט „האָלד אָפּס". אָרימע, אָפּגעריסענע בחורים'לאך זיינען אונז באַפאַלען מיט קאָ־לירטע פּאָסט קאַרטען, קליינע אַלבומס מיט בילדער פון גיבראַל־טאַר און אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זיי האָבען פאַרלאַנגט אַז מען זאָל ביי זיי קויפען.

דערקענענדיג אָן אונזערע נעזער אַז מיר זיינען אידען, און וויסענדיג אַפּנים, אַז אידען זיינען רחמנים בני רחמנים, האָבען זיי זיך איינגעטשעפּעט ווי קלעקס און מען האָט זיך פון זיי ניט געקענט אָפּטשעפּען. עפּעס אַ קליינינגקייט, דערטאַפּט אַזעלכע העכט — אַמעריקאַנער!

אום צו מאַכען אַ בעסערען איינדרוק אויף אונז, האָבען זיך כמעט אַלע אָנגעגעבען אַלס אידען. „אני יהודי", אָדער „יאהודי" אָהן אַן „אני", און דאָס איבעריגע וואָס זיי האָבען גערעדט, מיט דער אויסנאַהם פון מאַנכע ענגלישע ווערטער, וואָס זיי האָבען אַריינגעוואָרפען, האָבען מיר אַפילו אַ וואָרט ניט פאַרשטאַנען. איינער האָט נאָך צום „אני יהודי" צוגעלעגט דאָס וואָרט „ציציט" (ציצית) און זיך גענומען צושפּיליען זיין ברודיגע אויבערהעמד, מסתמא צו צייגען אונז אַז ער טראָגט אַן ארבע כנפות. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז מען האָט געמוזט מעהר־ווייניגער געבען צו לייזען, אַבי זיי זאָלען זיך אָפּטשעפּען.

מיר זיינען צוגעקומען נאָהענט צו די „גאַלעריעס", די פעלז־היילען, וואָס קיין טוריסט פאַרפעהלט ניט צו באזוכען. מיין ווייב און נאָך אַ פּאָר ווייבער, וואָס האָבען געדענקט אז עס וועט זיי צו שווער זיין צו קריכען און קלעטערען אין די „גאַלערים", האָבען מיר אָנפאַרטרויט אויף די פּוהרמאַנעס, וואָס זיינען פאַרבליבען וואַרטען אויף אונז, און מיר האָבען געקראָגען ספּעציעלע איינ־לאַס־קאַרטען פון אַ מיליטער־באַאַמטען און גרופּענווייז זיך גע־לאָזט געהן אין די פאַרצווייגטע פון נאַטור געשאַפענע טונעלען.

אפשר גאַנצע מיילען האָבען מיר זיך דורכגעשלעפּט איבער מיט שטיינדלאך באַדעקטען באָדען. דאָ און דאָרט האָבען מיר געהאַט אויסצומיידען ליוזשקעס און מיר זיינען ממש מיט שוויים אָפּעגגאָסען געוואָרען. מיר האָבען געהאַט צו געהן בארג ארויף און בארג אראָפּ און אַלע פּאָר מינוט כמעט זיינען מיר געקומען צו אַ פענסטער אָדער אַ לאָך, וואו עס שטעהט אַ קאַנאָן מיט'ן מויל צום ים.

דאָ און דאָרט טרעפען מיר אָן אָדער מיר באגעגענען אן ענגלישען אָפיציער אָדער סאָלדאַט, וואָס שפּאַצירט אום מיט גאוה, ווי איינער רעדט: זעהט אדרבא וואָס די בריטישע מדינה פאַרמאָגט.

די שטיק קונסט־ווערק, דער פעלז פון גיבראַלטאַר, איז באמת אַ וואונדער־זאַך, וואָס האָט מיר שטאַרק איבערראַשט און באַ־גייסטערט. ווען אָבער איך בין נאָכהער געווען אין ארץ־ישראל איז די באַגייסטערונג פאַר'ן גיבראַלטאַר פעלז ביי מיר אָפּגעשוואַכט געוואָרען. דער באַריהמטער פעלז איז געשאַפען געוואָרען פון דער נאַטור דירעקט פון בורא עולם, אָדער איז אַנטוויקעלט געוואָרען דורך געוויסע נאַטירליכע אורזאכען. וואָס זשע איז דאָ פאַראַן אַזוי פיל צו באַוואונדערען? איז דאָך די גאַנצע שאפונג נאָך אַ גרעסערער וואונדער. אין ארץ ישראל אָבער זעהט מען וואונדער, וואָס מענשליכע הענד, און מסתמא טאַקע אידישע הענד, האָבען געמאַכט.

ווען איך וועל האַלטען ביי ארץ ישראל, וועל איך מאַכען אַ פּאַראַלעל צווישען דעם גיבראַלטאַר־פעלז און די וואונדערליכע אַלטערטימער פון היילינען לאַנד.

צוריקקומענדיג צו מיין וועגעלע, האָט מיר מיין ווייב אָפּגע־געבען אַ גרוס פון די גיבראַלטאַרער אידען. זי האָט זיך מיט אונזער פוהרמאַן צוזאַמענגערעדט, אַזוי ווייט ווי זי האָט געקענט צוזאַמענריידען זיך מיט איהם. האָט זי איהם געפרעגט: אויב עס זיינען פאַראַן אידען אין גיבראַלטאַר, און ער האָט געענטפערט מיט אַ טאָן פון פאַראַכטונג, אַז זיי זיינען פאַראַן נאָך צופיל. זיי, די אידען, האָבען פאַרכאַפּט דאָס בעסטע און פאַר די גוים איז גאָרניט פאַרבליבען.

אַן אַנטיסעמיטעל, דער פוהרמאַן, אפשר אַן אור־אייניקעל פון אַ שפּאַנישען אינקוויזיטאָר.

איך האָב זיך ניט באַנוגענט מיט'ן גוי'אישען אָדער אַנטי־סעמיטישען גרוס, און אויף מיין פאַרלאַנג און דעם פאַרלאַנג פון נאָך אידען, האָט מען אונז געפיהרט אין הויפּט אידישען קוואַרטאַל.

## .5

### אידען אין גיבראַלטאַר. — פּראַוועון משה רבנו'ס יאָהרצייט. — אַן עכט כשר'ער מיטאָג. — אַ נאַ־ציאָנאַליסט מיט „פּאַרק טשאָפּס". — אַן אומזים־טער פּאַרדרוס. — ימים און מענשען.

דאָס באַזוכען דעם אידישען קוואַרטאַל אָדער איינעם פון די אידישע קוואַרטאַלען אין גיבראַלטאַר האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן. את אחי אָנכי מבקש, איך האָב געוואָלט זעהן אונזערע ברידער־אידען.

מען האָט אונז געבראַכט צו אַ שול מיט זעהר אַ שעהנעם אריינגאַנג, פּאָראויס אַ גרויסער, ברייטער און ציכטיגער חצר ארומגעצאַמט מיט אַן אייזערנעם צאַם, און די שול גופא אויך זעהר שעהן.

איינער וואָס האָט זיך פאַר אונז פאָרגעשטעלט אלס דער „שאַמאָש" (שמש) האָט אונז באַגעגענט און אַ זאָג געטאָן: „שאַ־לאָם! מאַמריקא?" אויף אונזער לשון וואָלט עס געהייסען: „שלום עליכם, אידען. פון וואַנען קומען אידען, פון אַמעריקא?" „מאַמריקאָ", — האָבען מיר געענטפערט, און ער האָט אונז אריינגעפיהרט אינוועניג אין שוהל.

דעם שמש׳ס ווייב און קינדער זיינען אויך ארויסגעקומען אנקוקען די אורחים, וואס קומען פון דעם לאנד אמעריקא, און האבען אויף אונז געקוקט מיט עפעס א מין יראת־הכבוד.

אויך אינוועניג איז די שול פראכטפול שעהן און געשמאקפול. אן אמת׳ער מקדש מעט. אויף די װענד ביים אריינגאנג אפשר א פאר צעהנדליג צדקה־פושקעס מיט פארשיידענע אויפשריפטען פון אויבען. דער שמש האט אונז אנגעצייגט אויף די פושקעס. דאס איז אפנים געווען א קאפוליער אנצוהערענים, אז מיר זאלען עפעס אריינווארפען אין די פושקעס, און מיר האבען דאס געטאן.

דער שמש, קענטיג א איד ניט קיין פראסטאק, האט גערעדט לשון הקודש מיט דער ספרדישער הברה. אונזער לשון אדער ענג־ליש פארשטעהט ער ניט. בלויז שפאניש און „איווריט" (עברית), העברעאיש, הייסט עס, אדער לשון הקודש.

איך שעהם זיך ניט צו זאגען, אז די „איווריט" איז פאר מיר געווען א הארטליכער ביסען צו צוקייען. שפעטער זייענדיג אין ארץ ישראל און הערענדיג די ספרדישע עברי אויף שריט און טריט, האב איך זיך צו דעם צוגעוואוינט; אבער צום ערשטען מאל זייענדיג נאך „גרין" אין דער זאך, איז מיר שווער געווען אויס־צו׳טענה׳ן זיך מיט׳ן שמש פון גיבראלטאר. דאך בין איך מיט איהם אויסגעקומען און מיר האבען זיך פארשטאנען.

לויט ווי ער האט אונז איבערגעגעבען, האבען אמאל אין גאנץ גיבראלטאר געוואוינט א פאר צעהנדליג טויזענד אידען. איצט אבער זיינען זיי א סך ווייניגער. אין שטאדט גיבראלטאר גופא, האט ער געזאגט, געפינען זיך א ניין הונדערט אידישע משפחות, וועלכע פארמאגען אייניגע חברות, א תלמוד תורה און א ישיבה. די שוהל, האט ער געזאגט, איז די שענסטע און גרעסטע אין גיבראלטאר.

אויף דער פראגע: ווי אזוי עס לעבט זיך די אידען אין גיבראלטאר, האט דער שמש ערקלערט, אז זיי לעבען גאנץ גוט און האבען ניט וואס צו באקלאגען זיך.

עס איז געווען נאך האלבען טאג און דער שמש האט אונז געזאגט: „זמן תפלת מנחה בשעה א׳", אז איינס דעם זייגער, הייסט עס, דאווענט מען מנחה. אבער ווי זאגט שלום עליכם׳ס

טביה דער מילכיגער: „די מנחה איז ניט קיין ציג און וועט ניט אנטלויפען", האבען מיר נאך צייט און מיר זיינען אוועק באזוכען די ישיבה.

דארט האבען מיר געטראפען יונגע לייט זיצענדיג ביי חומשים און לערנענדיג „וזאת הברכה". האט אונז געארט צוויי קשיות: ערשטענס, זיינען עס אזעלכע בחורים אדער באלעבעסלאך בלויז חומש־אינגלאך אין גיבראלטאר? והשנית, ווי קומט איצט, פאר פורים, די שמחת־תורה'דיגע סדרה? זיי האבען אפנים פארשטאנען אז די זאך איז אונז קשה און זיי האבען עס פארענטפערט. היינט — האבען זיי געזאגט, אויך אין „איווריט" — איז ז' אדר, דער טאג, אין וועלכען משה רבנו איז געשטארבען, לערנען זיי עס די פרשה פון מיתת משה.

ביי אונז האב איך קיינמאל ניט געהערט מען זאל פראווען משה רבנו'ס יאהרצייט און אז זיי, די ספרד'ישע אידען, היטען אפ דעם רבינ'ס יאהרצייט, היטען זיי מסתמא אויך אפ בעכער זיין צוואה — די תורה — און ס'איז זעהר פיין פון זייער זייט.

מיר האבען זיך אביסעל אויסגעהונגערט און באקומען א חשק צו עסען אין גיבראלטאר אן עכט־אידישען כשר'ען מאלצייט. מיר האבען נעפרעגט ביים שמש, אויב עס געפינט זיך אין שטאדט א „בית אכל כשר", א כשר'ער רעסטאראן, הייסט עס, און ער האט געענטפערט, אז עס איז דא אזעלכע, און טאקע כשר „בייטאכליט האקאשרוט" (בתכלית הכשרות). ער האט געזאגט אונזערע פורמאנעס וואוהין זיי זאלען אונז פיהרען און זיי האבען אונז געבראכט אין ריכטיגען פלאץ.

אונזער גרופע איז באשטאנען פון צעהן פערזאן. איך און מיין ווייב און נאך אכט מענשען. מיר זיינען ארויפגעגאנגען אויף א צווייטען פלאר, וואו א הויכער און פעסט־געבויטער איד האט אונז מקבל פנים געווען אויך מיט א „שאלאם" און מיט דער פראגע: „מאמריקא?" דאס לעצטע האט איהם אפשר אינטערעסירט צו וויסען פון געשעפטס־שטאנדפונקט. מען זאגט יאקבי, אז עס איז אומעטום אן אנגענומענער כלל, אז פון אמעריקאנער קען מען און מען מעג „רייסען א פאס", האט ער אפשר פאראויס געוואלט זיך איבערצייגען אויב מיר זיינען אמעריקאנער, כדי ער

זאָל וויסען וואָס פאַר אַ מקח ער זאָל שטעלען פאַר'ן עסען. אפשר האָט ער טאַקע אָנגענומען דעם מנהגו של עולם און האָט אונז אַ קאַפעלע באַריסען; אויב יאָ, זאָל איהם אויך וואויל באַקומען.

דער מאַן האָט אונז אריינגעפיהרט אין עס־זאַל, ניט קיין גרויסאַרטיגער פּלאַץ, אָבער מעהר־וועניגער באַלעבאַטיש. אויף די אושאַקעס האָבען מיר באַמערקט מזוזות, און טאַקע גרויסע מזוזות, און מיר זיינען צופרידען געווען וואָס מיר זיינען אריינגעפאַלען אין אַזאַ פּלאַץ.

מיט דעם אידען האָט מען אויך געמוזט ריידען דוקא „איווריט". ער האָט אונז ערקלערט, אַז קיין „בשר עוף" האָט ער ניט, נאָר „בשר בהמה ותבשיל" — רינדערנע פלייש, הייסט עס, און זופּ. אַ פּאָר אידען, ניט קיין פּראָהיבישאָניסטס, האָבען פאַרלאַנגט אַ „קאַפּעטשקע" און זיי האָבען עס געקראָגען.

מען האָט געגרייט צום טיש און דער רעסטאָראַטאָר האָט אַ זאָג געטאָן: „נטילה", מען זאָל זיך געהן וואַשען, הייסט עס. ווען מיר האָבען זיך אויפגעהויבען צו געהן וואַשען זיך, האָט ער ווידער אַ זאָג געטאָן אַ גראַם: „אין אכילה בלא נטילה", אַז מען וואַשט זיך ניט, קריגט מען ניט צו עסען. דערביי האָט דער איד געשמייכעלט. דער שמייכעל זיינער האָט אפּנים געמיינט: עט, עס רעדט זיך אַזוי. אַז איהר וועט זיך ניט וואַשען, וועט מען אייך אויך געבען עסען, אַבי נאָר איהר וועט באַצאָהלען. איינס צום אַנדערען האָט ניט, געשעפט איז געשעפט.

מען האָט אונז דערלאַנגט סטעיקס, ניט חלילה אויף איבערעסען זיך. וואָס דען, ער וועט אַזעלכע חשוב'ע אורחים איבערשטאָפען און עס זאָל זיי, חס ושלום, פאַרשאַדען? וועלכער איד טוט אַזאַ זאַך?...

האָבען מיר אָפּגעגעסען און אַז עס איז געקומען צום באַצאָהלען, האָט זיך דער רעסטאָראַטאָר געהייסען משלם זיין צו „דאָלאַר וחצי" פאַר אַ פערזאָן. עס האָט אויסגעזעהן צו זיין אַ ביסעל צופיל און מיר האָבען פּרובירט דינגען זיך, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. ביי איהם איז אפּנים איין פּרייז, אָט אַזוי געזאָגט און אַזוי, אידעלאַך, באַצאָהלט, און מיר האָבען באַצאָהלט,

זיך פיין „צושאלאמט" מיט'ן בעל הבית און מיט דער באלעבאסטע, א פרוי, אהן אן עין הרע, א לייביגע, און מיר זיינען אוועק.

מיר האבען באזוכט דעם שטאדטישען פארק און מיר האבען נאך געזאלט צופאהרען צו דער שפאנישער גרעניץ, וואס איז ניט ווייט פון גיבראלטאר; אבער אזוי ווי עס האט גערעגענט, האבען מיר עס דורכגעלאזט.

איין זאך האבען מיר יא באדויערט, וואס מיר האבען ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו באגעגענען זיך דארט מיט אונזערע היימישע אידען. מען האט אונז געזאגט, אז עס געפינען זיך דארט אביסעל אידען פון רוסלאנד און פוילען; אבער מיר האבען ניט געוואוסט וואו צו זוכען זיי, און מיר האבען זיך אומגעקערט צוריק אהיים — צום שיף.

איז ווידער געווען וואס צו ריידען.

האט מען געהאט צו דערצעהלען די „נסים ונפלאות" פון גיבראלטאר פאר די וואס זיינען פארבליבען אויפ'ן שיף און ניט ארונטערגעפאהרען אין שטאדט. מאנכע האבען, ווי געוועהנליך, איבערטריבען די זאך, כדי די וואס זיינען דארט ניט געווען זאלען זיך יאדען, זאלען זיך ערגערען, וואס זיי האבען אזא „טייערע געלעגענהייט" דורכגעלאזט.

מענשען האבען אפטמאל א טבע, אז זיי האבען הנאה ווען איינער ערגערט זיך, ווערט געפלאגט פון חרטה אויף א זאך וואס ער קען שוין צוריק ניט כאפען.

„איך האב דאך אייך גערופען, איך האב אייך געבעטען איהר זאלט מיטפאהרען", — טענה'ט איינער צו א גרופע אידען און אידענעס — „ווארום זייט איהר ניט מיטגעפאהרען? איהר האט דורכגעלאזט א זאך, וואס איז ווערט כל־הגעלטען. ווען איך פארדין אדער איך געפין א גאנצען טויזענדער, וואלט מיר ניט אזוי פיל הנאה געטאן ווי דאס וואס איך האב געזעהן גיבראלטאר".

האבען די אידען און די אידענעס געהאט צער דערפון, ארויס־געלאזט פון די הענד אזא טייערע זאך! געפונען אן אוצר און זיך געפוילט אויפהויבען! און דער איד וואס האט זיי, ווי מען זאגט, „אנגעצווינגען", האט דערפון געקליבען נחת.

רייד איך מיט א יונגען מאן, וואס האט אויך באזוכט גיב־

ראלטאר און איך דערצעהל איהם, אז מיר האָבען דאָרט געגעסען מיטאָג אין אן עכט כשר'ן רעסטאָראן. זאָגט ער: „אונז, א גרופע פון זעקס פערזאָן, האָט מען אויך געשיקט אהין אין כשר'ן רעסטאָראן, וואָס מען האָט אונז געזאָגט, אז ער איז דער איינ־ציגער אין שטאָדט, וואו מיר האָבען אָפּגעגעסען א מיטאָג, און ממש בחצי חנם. מיר האָבען געהאָט פלייש, זופּ, פאָרשפּייז און צושפּייז און עס האָט אויסגעמאכט בערך זעכציג סענט אויף א מענשען".

פּאַרדריסט מיר שוין די מעשה: הלמאי האָט דער רעס־טאָראטאָר ביי אונז גענומען אזוי פיל? און די ווייב מיינע איז גאָר אָן אויפגעקאָכטע געוואָרען. אן אשה, ווייסט איהר דאָך, איז מעהר „סענסיטיוו", געפיהלפול. עס האָט איהר ניט אזוי געקימערט דער דאָלאר אָדער מעהר, וואָס מיר האָבען איבערגע־צאָהלט, ווי דאָס וואָס זי האָט ניט געהאַנדעלט קיין מציאה. א כפרה די געלד, אָבער הלמאי זאָל מען איהר אָפּנאַרען און פאַר־קויפען אָן אַנדערען די זעלבע זאַך ביליגער?

אָבער דער יונגערמאן האָט ביי אונז אַרונטערגענומען א שטיין פון הארצען, ווען ער האָט אונז געצייגט דעם רעכנונג פון רעס־טאָראַטאָר, וואָס איז געווען געשריבען אין ענגליש און די ערשטע פּאַטראַווע אויפ'ן צעטעל איז געווען: „פּאָרק טשאַפּס" — פּשוט'ע חזיר־פלייש.

„אויב אזוי", — האָב איך געזאָגט, — „איז שוין רעכט. אז איהר האָט, זאָג איך, אָנגעפאַנגען דעם סדר פון דבר אחד, איז שוין ניט קיין וואונדער וואָס עס האָט אייך געקאָסט אזוי ביליג.

ווי עס איז דאָרט געווען די מעשה מיט דעם יונגען מאן און די אַנדערע וואָס זיינען געווען מיט איהם, ווייס איך ניט. מעגליך אז זייער פּוהרמאן האָט זיי פאַרפיהרט אין א גוי'אישען פּלאַץ על פּי טעות, און אפשר האָט ער עס געטאָן אַבזיכטליך, כדי אָנצור־קאָרמענען אידישע קינדער מיט טרפה. א קשיא אויף א שונא ישראל, און נאָך א שפּאַניאָל דערצו?

און דער יונגערמאן האָט זיך ניט געריסען דעם פּעלץ, ווי מען זאָגט, מחמת ער איז א נאַציאָנאַליסט. דאָס הייסט, מיט דעם דאָזיגען טיטול באַטיטעלט ער זיך. און איהר ווייסט דאָך מסתמא

וואָס פאר א מין באשעפעניש א נאציאָנאַליסט איז. א נאציאָ־נאַליסט רופען זיי אזא איינעם, וואָס האָט ביכולת צו פרעסען חזיר־פלייש געפרעגעלט אין פוטער אפילו אום יום כיפור און דאָך זיך האַלטען פאר א בעסערען אידען ווי דער וואָס היט אָפּ כל התורה כולה, איז גוט צו גאָט און צו לייט און אפילו אַן איבער־געגעבענער ציוניסט מיט לייב און לעבען. איז שוין זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז אזא נפש איז גאָר צופרידען געווען, וואָס דער צופאַל האָט איהם געבראַכט צו א גוי, ניט צו א „אידליק”, וואָס וואָלט איהם אָנגעקאָרמעט מיט כשר׳ס...

זיינען מיר, הייסט עס, אַלע געווען צופרידען, אי יער, דער יונגערמאַן, אי איך, אי מיין ווייב.

אין אָוועגד איז אונזער שיף אָוועק.

מיר האָבען זיך דאַן אָפּגעזעגענט מיט „אונזער” ים, מיט׳ן אַטלאַנטיק, און מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין מיטעללענדישען ים.

דער מיטעללענדישער ים, דער ים התכון אָדער ים הגדול, ווי ער רופט זיך אין העברעאיש, זאָגט מען, איז דאָס רוב א שטילער און רוהיגער ים. זעלטען ווען ער שטורמט און איז בכלל געלאַ־סענער פון אַטלאַנטישען ים און הויבט זיך ניט און בלאָזט זיך ניט און פראַוועט ניט קיין גאוה. אַלע אמת׳ע גדולים זיינען אזוי. דערפאר אפשר רופט מען טאַקע דעם דאָזיגען ים „ים הגדול”. אמת, דער אַטלאַנטיק, וואָס האָט א טבע צו בייזערען זיך אָפּט, האָט אונז באהאנדעלט גאנץ פיין און מיט דער אויסנאַם פון איין נאַכט האָבען מיר חלילה פון איהם קיין שום אונאַנגענעמליכקייט ניט געהאַט; אָבער דאָס איז אפשר געווען אויס דרך ארץ פאר אונז אידען, וואָס זיינען געפאָהרען קיין ארץ ישראל.

ימים זיינען אפּנים אזוי ווי מענשען. עס זיינען פאראַן מענשען וואָס זיינען באשיידען, שטיל ווי צוציקלאַך און מען הערט פון זיי קיין הויך וואָרט ניט, און אַנדערע ווידער האָבען א טבע צו קאָכען זיך, צו שרייען, צו פילדערען און ביי יעדער געלעגענהייט ארויסצייגען עזות, שקאַצעריי. ימים זיינען אויך אזוי.

אונזער שיף איז שוין איצט געשוואומען ביי אַן אַנדער וועלט־טייל. אויף מאָרגען זיינען מיר געפאָהרען ניט ווייט פון לאַנד. מיר האָבען געזעהן אפריקאַנישע בערג, אָבער קיין ישוב,

און וואָס ווייטער האָבען מיר זיך אַלץ דערנענטערט צו אַלזשיר, די נאָרד אַפריקאַנישע פראַנצויזישע קאָלאָניע, וואו עס איז געווען באַשטימט אונזער דריטער אָפּשטעל.

### 6.

### די אַפריקאַנישע פּאַריז. — אַלזשיר'ס בעטלער. — אַ מיסט־קאַסטען אין אַ רייכען פּאַלאַץ. — מען קען ניט נאָכגעבען דעם יצר־הרע. — באַרבערס און צייהן־רייסער. — אין דער גרויסער שוהל.

אונזער שיף שווימט איבער'ן שטילען מיטעללענדישען ים און ברייננגט אונז צו אַלזשיר, די הויפּט־שטאָדט פון די פּראָווינץ אַל־זשיריען, צפון אַפריקא.

אַלזשיר איז בכלל אַ שעהנע שטאָדט. „די ווייסע שטאָדט", רופט מען איהר, ווייל איהרע געביידעס זיינען כמעט דורכאויס ווייסע. די שטאָדט ווערט אויך באַטיטולט אַלס די פּאַריז פון אַפריקא.

מיר שטעהען אויפ'ן דעק און מיר קענען זיך ניט אָפּקוקען פון דעם אויסערליכען אויסזעהן פון דער שטאָדט, פון איהרע פּראַכטפולע ווייסע געביידעס. אַ ווייסער קאָליר האָט אין זיך חן און וואַרפט זיך אין די אויגען מעהר ווי אַנדערע קאָלירען. אַ כלה פּוצט מען אין ווייסען, ווייל ווייס איז דער סימבאָל פון פרייד און פרידען. אַ שטאָדט וואָס איהרע הייזער אָדער מויערען זיינען פון אַ טונקעלען קאָליר, מעג זי זיין ווי לעבהאַפט אינוועניג, קוקט זי אָבער אויס פון אויסווייניג פאַר'מרה־שחורה'ט, טויט און עס כאַפּט אַן אומעט צו קוקען אויף איהר. מיר האָבען נאָך ניט געזעהן וואָס אינוועניג אין אַלזשיר טוט זיך, אָבער די פאַנטאַזיע האָט פאָרגע־שטעלט, אַז די גאַנצע שטאָדט טאַנצט און זינגט און אַלעס איז דאָרט לעבעדיג, לוסטיג און פרעהליך.

אין אַלזשיר, ווייס איך פון פריהער, וואוינען אַ היבשע צאָהל אידען, איינגעבווירענע זייט פילע, פילע דורות; אידען וואָס שטאַ־

מען פון אנטלאָפענע פון דער שוידערליכער שפּאַנישער אינקוויזיציע, און אַביסעל פרעמד־געבוירענע, וואָס זיינען שפּעטער אהין געקומען.

און אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין „ויהי״ אָהן א צרה, אזוי איז ניטאָ א לאַנד אָדער אַ געגענד וואו אידען האָבען געוואוינט אָדער וואוינען איצט אויך, וואו זיי זאָלען ניט האָבען געליטען רדיפות און פאַרפאָלגונגען. אמאָל, אונטער טערקישער הערשאַפט, האָבען די אידען אין אַלזשיר געהאַט געגוג אויסצושטעהן פון די אַראַבער אָדער מורען. זיי זיינען געווען איינגעשפּאַרט אין א געטאָ, האָבען געמוזט טראָגען ספּעציעלע העסליכע מלבושים, האָבען ניט געטאָרט פאָהרען אויף א פערד און געמוזט אויסטאָן די שיך, ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען אין א געגענד, וואו עס איז געשטאַנען א מאָשעע, א מאַחמעדאַנישע קירכע. האָט א איד ניט אָפּגעהיט איינע פון די פינסטערע געזעצע, איז ער ניט זיכער געווען מיט זיין לעבען. זייט פראַנקרייך האָט עראָבערט די פּראָווינץ לעבען דאָרט אידען פריי.

עס איז אַגב אורחא ווערט צו דערמאָנען, אַז אין פראַנקרייך׳ס עראָבערונג פון אַלזשיר זיינען אינדירעקט פאַראַנטוואָרטליך צוויי אידען.

דאָס איז געווען מיט עטליכע און נײַנציג יאָהר צוריק, ווען דער דעי, דער טערקישער גובערנאַטאָר פון אַלזשיר, האָט זיך צוואווערטעלט מיט׳ן פראַנצויזישען קאָנסול איבער א חוב פון צוויי אידישע אַלזשירער סוחרים און דער דעי האָט דעם קאָנסול אָנגעפּאַטשט אין די עפענטליכקייט פאַר די אויגען פון פילע מענשען. דאָס האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אַזוי אויפגעבראַכט אַז זי האָט געשיקט א פלאָטע צו באַלאַגערען אַלזשיר. עס האָט געדויערט יאָהרען־לאַנג ביז פראַנקרייך האָט די טערקען פאַרטריבען און איבערגענומען די הערשאַפט איבער די פּראָווינץ.

מיר זיינען אריינגעקומען אין שטאָדט, וואו אויטאָמאָבילען, צוגעגרייט פון אונזער אַגענט, מר. ראָזען, האָבען שוין געוואַרט פאַר אונז. די אויטאָמאָבילען האָבען אונז געפיהרט דורך די הויפּט־גאַסען פון שטאָדט, וואו עס שווייבעלט און גריבעלט, טאַקע אַלאַ פּאַריז. דאָ און דאָרט פאָהרען מיר דורך פּרעכטיגע פּאַלמ־

בוימער אַלעען און בולוואַרען און סקווערס, וואָס האָבען פאַר־נומען אַן אויג.

און טרינקען טרינקט מען דאָרט אין דרויסען ביי די שיינקען אָדער קאַפעען, אַזוי ווי אין פּאַריז, און עס איז, פאַרשטעהט זיך, ניט אומעטיג.

אונזערע אויטאָמאָבילען שטעלען זיך אָפּ און מען זאָגט אונז, אַז מען געהט אונז צייגען די צווייטע זייט פון דער מטבע, אָבער דאָ מוז מען שוין געהן צופוס.

געהען מיר, אומבאַשריען, אַ מחנה מענער, פרויען און אויך קינדער, און אונזער „גאַיד", אונזער וועג־ווייזער פאָראויס.

„מיר קומען איצט" — זאָגט ער אונז אין ענגליש — „אין קוואַרטאַל פון די נייטיוּוס, פון די איינגעבוירענע אַראַבער. זייט זשע פאָרזיכטיג מיט אייער געלד און ווערטפולע זאַכען וואָס איהר האָט ביי זיך".

האָט מען זיך גענומען פאַרקנעפּלען די רעק און די רעקלאַך, ארומטאַפּען זיך און באַוואָרענען זיך, אַז מען זאָל קיין זאַך ניט קענען צוכאַפּען.

די מענער, וואָס האָבען באַטראַכט זייערע ווייבער אַלס ווערטפולע אַרטיקלען, האָבען זיי גענומען שטייף אונטער די אָרעמס. אַ קשיא אויף אַראַבער, אפשר כאַפּען זיי ווייבער אויך...

געהט מען און מען רעדט און מען וויצעלט זיך ביז מען קומט אָן אַהין, אין ריכטיגען מקום, אין דער שכונה פון די אַלטגעזעסענע אַראַבער.

טאַטע פאָטער אין הימעל! אַזאַ ענגשאַפט, אַזאַ שמוץ, אַזאַ ברוד, איז אפשר אויף דער וועלט ניטאָ!

וואָס פאַר אַן אונטערשיד צווישען די גאַסען וואָס מיר זיינען פריהער דורכגעפאָהרען און די געסלאַך, אין וועלכע מיר בראָדזשען איצט! אַ ריזיגער מיסט־קאַסטען אין אַ רייכען פּאַלאַץ, אַ בארג עקעלהאַפטע שמוץ אין אַ קעניגליכען זאַאַל.

געסלאַך שמאָלינקע און פון איין געסעל אין דער אַנדערער איז עולים ויורדים, דאַרף מען קריכען אויף טרעט ארויף און אַראָפּ, ממש גע'הרג'עט צו ווערען. און איןביידע זייטען —

געביידעס, ריכטיגער: חזיר־שטאַלען, דורך וועלכע עס קוקען ארוים שמוציגע ברואים בצורת מענש, עס שפּירט זיך און אַ ריח, וואָס פאַרכאַפּט די נאָז און דעם מח — זאָל ער מציל ומשמר זיין!

דאָ קריגען מיר אַ קבלת פּנים פון אַ כאַפּטע אַראַבערלאַך, קלענערע און גרעסערע, באָרוועסע, ארומגעריסענע און שמוציגע בתכלית השמוץ והברוד. אזוי ווי מאָסקיטאָס אין אַ הייסען זומער־אָווענט אין אַ זומפּיגע געגענד נאָך אַ רעגען, זיינען זיי אונז אַמעריקאַנער באַפאַלען און מען האָט זיך פון זיי ניט געקענט אָפּטרייבען.

און וואָס האָבען זיי געוואָלט? — קליינגעלד. און אפשר וואָלטען זיי זיך פון גרויסגעלד אויך ניט אָפּגעזאָגט. און אַ טבע האָבען זיי, אָט די דאָזיגע באַשעפעניסען, צו קריכען אליין אין די קעשענעס. זיי ווילען אפּנים פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענשען ניט מטריח זיין, מען זאָל זיי געבען, ווילען זיי אליין נעמען. אגב, אז מען נעמט אליין, קען מען דאָך נעמען וואָס מען וויל און פיל מען וויל, און דאָס לוינט זיך אפשר בעסער.

און זיי קניפּען אייך, זיי דראַפּען מיט זייערע שמוציגע פינגער און נעגעל, אז עס כאַפּט אזש אָן אַן איבעל.

מיר קומען ארויף אויף אַ מאַרק־פּלאַץ. אַ גרויסער בלאָטיגער שטח, און די בלאָטע איז אויסגעמישט מיט כל׳ערליי מיסט, מיט כל׳ערליי עקעלהאַפטע שמוץ, און עס עקעלט ממש אָפּ צו טרעטען אויף דעם באָדען.

און מענשען, אָדער ריכטיגער: באַשעפעניסען וואָס זעהען אויס ווי מענשען — ממש כחול הים. זיי זיינען אזוי געדיכט, אז עס זעהט אויס, אז מען קען שפּאַצירען איבער זייערע קעפּ. אזוי ווי מוראַשקעס אין אַ מוראַשניק קריכען זיי אום, און עס איז שווער דורכצושפּאַרען זיך צווישען זיי.

און בלינדע און קאַליקע אויף יעדען שריט און טריט. און געקליידעט זיינען זיי אין שמאַטעס און אין זעק, אָנשטאָט רעק, און הויזען טראָגען זיי אזעלכע ברייטע, אז מען וואָלט אין זיי געקענט ארייננשמוגלען גאַנצע פעסלאַך משקה קיין אַמעריקאַ.

און פארפאטשקעט זיינען זיי מיט בלאָטע, וואָס זיי טרעטען מיט זייערע באשוכטע אָדער באָרוועסע פיס.

און די נקבות זייערע — זאָלען מיר שוין אַלע אזוי פון קיין שלעכטס ניט וויסען, ווי איך וויים ניט וואָס פאר א פּנים'ער זיי האָבען. צי זיי זיינען שעהן, צי מיאוס; צי ווייס, צי שווארץ. אַלע געהען זיי אום מיט פארהאנגענע פּנים'ער, ווער מיט אזעלכע כלומר'שטדיגע טיכלאך און ווער מיט סתם קויטיגע שמאטעס. דער יצר הרע — ימח שמו זאָל ער ווערען — שפּארט א קוק צו טאָן אויפ'ן פּנים פון אַן אראבישע אשה, אָבער עס איז אונמעגליך, סיידען מען זאָל נעמען עקס־רעי בילדער פון זייערע פּנים'ער...

פרעג איך זיך אַליין א פראַגע: וואָס איז שעהנער און באשיידענער, די אַלזשירער פארהאנגענע פּנים'ער, אָדער די אמעריקאנער האלב־נאקעטקייט? און איך קען די דאָזיגע שאלה ניט פארענטפערען.

אָבער דאָ קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען נאָך אַן אנדער זאַך.

רבונו של עולם — טראכט איך — הנשמה לך והגוף שלך, צו וואָס האָסטו עס אריינגעבלאָזען דיינע נשמות אין אזעלכע העסליכע גופים? נאָך מעהר פארדראָסיג איז, וואָס זיי, אָט די דאָזיגע פּארשוינען, האָבען אמאָל נוגש געווען דיין שעהנע, געליבטע און איידעלע פאָלק ישראל.

ערשט מיט אריבער דרייסיג יאָהר צוריק, אין יאָהר 1898, האָבען זיי געמאכט אַן איבערפאַל אויף די אידען פון אַלזשיר און האָבען זיי פּאָגראָמירט אזוי ווי די רוסישע הוליגאנעס, און ווען די פראנצויזישע מאכט זאָל ניט געווען שיקען סאָל־דאטען צו באשיצען די אידען, גאָט דער לעבעדיגער ווייסט וואָס עס וואָלט געשעהן.

מיר קריכען ארויס פון די געדיכטענים און מיר קומען אויף א פרייערען פּלאַץ.

מיר שטעלען זיך אָפּ ביי א פּאַלאַטקע, וואָס שטעהט אויף דער הוילער בלאָטיגער ערד. די פּאַלאַטקע איז אַלט, צוריסען און פארלאַטעט מיט כל'ערליי לאַטעס, עקודים נקודים וברודים.

אינוועניג דאָרט שטעהט אַ נפש אין אַ הלבשה ניט בעסער, מיט הענד וואָס קיין נעגעל־וואַסער איז שוין אפשר אויף זיי לאַנג ניט געקומען. אָט דער דאָזיגער נפש איז אַ באַרבער, אַ צירולניק און ער שערט און גאָלט זיינע לאַנדסלייט. ער איז גראָד ביי דער אַרבייט. זיין קליענט זיצט אויף אַ שטיקעל בענקעל און דער צירולניק רייבט איהם די מאָרדע און שאָבט מיט'ן ראַזיר־מעסער.

אפנים אַז באַרבעריי באַצאָהלט זיך דאָרט ניט, איז דער שערער און ראַזירער אויך אַ „דענטיסט”, אַ צייהן־רייסער. און כדי די וועלט זאָל וויסען, אַז ער איז דאָס, ליגט אין פראָנט פון דער פּאַלאַטקע אַ שמוציגע ראָגזשע און אויף דער ראָגזשע ליגט אויסגעשפּרייט הונדערט מענשליכע צייהן, מאַנכע פריש־ארויסגעצויגענע, וואָס די בלוט אויף זיי האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטריקענט.

אַביסעל ווייטער, ווידער אַזאַ קאָמבינאַציע פון אַ צירולניק און צייהן־רייסער. און אפשר איז עס פאַרקערט. אפשר זיינען עס יענע אַראַבער צייהן־רייסער ביי פּראָפעסיאָן, און דאָס שערען און גאָלען איז ביי זיי אַ זייטיגע פּרנסה.

דאָס האָט קיינעם פון אונז ניט אינטערעסירט צו וויסען. עס האָט אונז אָפּגעקעלט קוקענדיג און מיר זיינען נייגעריג געווען צו זעהן עטוואָס שעהנערס, וואָס זאָל מאַכען אַ בעסערען איינדרוק אויף אונזערע אידישע נשמות.

האָבען אַ פּאָר פון אונזערע מענשען פאַרגעשלאָגען אַז מען זאָל אונז פיהרען אין אידישען קוואַרטאַל, אין די שוהלען, און לאָמיר זיך באַקענען מיט אונזערע אַלזשירער ברידער.

אונזער רצון איז ערפילט געוואָרען, און מען האָט אונז געבראַכט צו אַ שוהל, אַ שעהנע שוהל, די שעהנסטע און גרעס־טע אין אַלזשיר. דער שמש האָט אויפגעשלאָסען די טיר און מיר זיינען אריין אינוועניג.

באַלד זיינען אויך אריינגעקומען די שמש'טע, אַ פּאָר אַלזשירער אידען, וואָס האָבען אויסגעזעהן צו זיין בעלי בתים נכבדים, און עטליכע אָרימע מענשען, מענער און פרויען, וואָס זיינען געקומען בעטען נדבות ביי אונז, „רייכע אַמעריקאַנער”.

מיר באקוקען די שוהל. זי איז שעהן, גרויס און אונגע־הייער הויך. איז געבויט אומגעפעהר אין דעם סטיל פון דער חורבה שוהל אין ירושלים. צו באטראכטען דעם קופּאָל אין דער הויך, דארף מען גוט פארדרייסען דעם קאָפּ.

דער שמש רעדט מיט אונז העברעאיש, ספרד'ישען העב־רעאיש, און מיר דערוויסען זיך פון איהם, אז די גאנ:באַרע שפּראכען ביי זיי זיינען: העברעאיש, שפּאניש, אראביש און אביסעל פראנצויזיש.

די שוהל, דערצעהלט ער אונז, איז א פּאָר הונדערט יאָהר אלט. עס זיינען אין שטאָדט פאראן נאָך אייניגע שוהלען און עטליכע פריוואטע מנינים. זיי האָבען אויך, האָט ער גזאָגט, תלמוד תורות, א ישיבה, א „כאכאם" (חכם) הכולל, א רב הכולל אזוי ווי אין פראנקרייך, און א צאָהל קלענערע רבנים וואָס זיינען אונטערוואָרפען דעם רב הכולל. מיר דערוויסען זיך פון איהם, אז אין אלזשיר וואוינען עטליכע טויזענד אידען און זייער מצב בכלל איז ניט שלעכט. לא יחדל אביון מקרב האָרץ, עס זיינען דאָ אָרימע לייט אויך, אָבער אין אלגעמיין לעבט זיך זיי גוט און עס זיינען פאראן גאנץ רייכע אידען אויך.

די אלזשירער אידען זיינען באגייסטערט פאַר ארץ ישראל, פאַר ירושלים עיר הקודש, און זיי האָבען אויף אונז געקוקט מיט א מין יראת הכבוד און מיט קנאה בליקען. אידען פאָהרען קיין ארץ ישראל, אין לאנד פון די אָבות; אין לאנד וואָס עס ווערט אויף איהר געזאָגט: „מציון תצא תורה", האלטען עס די אלזשירער אידען פאַר א דבר גדול, פּאַר א גרויסע זכיה.

דערצעהלט אונז דער שמש, אז אין דעם איבערפאל פון די אראבער אין יאָהר 1898, האָבען זיך אידען באהאלטען אָדער באפעסטיגט אָט דאָ אין דער שוהל, וועלכע סאָלדאטען האָבען באוואכט. בצרה גדולה היינו — זאָגט ער — אָבער גאָט האָט געהאָלפען.

איך קוק זיך אום אין דער הויך און איך זעה אן אָרגעל. פרעג איך דעם שמש אין מיין געבראָכענעם ספרד'ישען העב־רעאיש, אויב מען שפּילט אויפ'ן אָרגעל שבת? האָט ער זיך אזש א צאפּעל געטאָן און אויף זיין פנים האָט זיך באוויזען א

גרויסער פראגע־צייכען, ווי איינער רעדט: ווי קומט עס צו א אידען, א חובב ציון, וואס פאהרט קיין ארץ ישראל, צו פרעגען אזא שאלה? ווי קומט עס, אז א איד זאל חושד זיין אידען אין אזא זאך?

„לא ביום השאבאט", ניט שבת, הייסט עס, — ענטפערט ער מיר, און ערקלערט, אז מען שפילט דעם ארגעל בלויז צו חתונות אדער חופות, וואס ווערען געפראוועט אין שוהל.

און ער פיהרט אונז אריין אין א זייטיגען, ברייטען און שעהנעם זאל, ספעציעל פאר חתונות אדער חופות.

דער שמש עפענט פאר אונז אויף אן ארון הקודש און צייגט אונז אן אויף אלטע ספרי תורות, אלע אין שיידלאך באַ־צירט מיט זילבער. אויף איין ספר תורה צייגט ער אונז אן, אז זי איז שוין אלט זעקס הונדערט יאהר.

מיר פארלאזען די שוהל צופרידענע און מיר שטעלען צו־פרידען דעם שמש און די ארימע מענשען, וואס האבען אויס־געשטרעקט זייערע הענד פאר שטיצע, און מען גיט אונז צו־וויסען, אז איצט וועלען מיר פאהרען צופרידענשטעלען אי־נזערע מאגענס, וועלכע האבען שוין טאקע געמאנט זייערס.

## 7.

א שפאלטונג אין אידישע מחנות. — א גרויסע פאבריק מיט קליינע ארבייטער. — א מצבה פון אן אשה חשובה. — מחמד'אנישע אכזריות. — א „כאכאם" מיט ווייניג חכמה. — אן איבערפאל אויף א „גרינעם".

ארויסגעהענדיג פון א שוהל, וואלט זיך געפאסט געהן עסען מיטאג אין א אידישען כשר'ן רעסטאראן און אונטערלעהנען אונזערע הערצער במנהג ישראל, ווי עס פאסט זיך פאר אידען וואס פאהרען קיין ארץ ישראל. האט מען אונז אבער פאר־פיהרט אין א גוי'אישען האטעל, אמת, זעהר א פיינער פלאץ,

אין אַ שעהנעם געגענד, אָבער די עסענס דאָרט האָבען פאַרט ניט געהאַט קיין אידישען טעם.

עס זיינען געווען געגרייט טישען מטוב אַלזשיר, פאַרשיע־דענע פליישען, געקעכטס, צימעס וכל מיני מטעמים, אָבער ניט אַלע אידישע גומענס קענען דאָס סובל זיין.

איז געוואָרען אַ שפּאַלטונג אין אונזער מחנה. אַ טייל האָבען אונטערגעלעהנט זייערע הערצער מיט ברויט און הערינג, מיט אייער, פּרוכט, גרינסען וכדומה, פאַרטרונקען מיט טיי אָדער קאַפּע און יוצא. אַ טייל אָבער האָבען אַפּנים ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און . . . אָבער צו וואָס ריידען לשון הרע אויף אידען? און ווער איז עס מחויב צו זיין, ווי מען זאָגט, גאָט'ס קאָזאַק?

פאַרטיג געוואָרען מיט דער סעודה, האָט מען אונז גע־פיהרט אָנקוקען אַ פאַבריק פון ראָגס אָדער טעפּיכען.

אַ גרויסע פאַבריק, אָבער די אַרבייטער דאָרט זיינען קליי־נע. אפשר אכט־יעהריגע מיידעלאך, מאנכע עלטערע, זיצען ביי וועב־שטולען, קוקען אויף דעזיינס, אויף צייכנונגען און וואַרפען די פאַרשיעדען קאָלירטע פעדים אַזוי פלייסיג און אַזוי פלינק, אַז איהר כאַפּט עס קוים מיט'ן אויג.

די מיידלאך, זאָגט מען, זיינען יתומות און זיי אַרבייטען עס „לשם תכלית".

בּאָרוועסע, ארומגעריסענע, די הערעלאך ניט פאַרקאַמט, די פּנימ'לאך ניט אָפּגעוואַשען, אויסגעטריקענטע, אויסגעדאַרטע, האַלבע סקעלעטען זיינען זיי, אָט די דאָזיגע אַרבייטאָרינס.

און זיי קוקען אויף אונז פרייע מענשען מיט קנאה־בּליקען. זיי וואָלטען אויך וועלען פריי זיין, אָבער מען לאָזט זיי ניט. זיי „גנב'ענען" אַ רגע פון זייער אַרבייט און שטרעקען אויס הענטלאך צו אונז. צו זיי פאַרלאַנגען עס פון אונז געלד־נדבות, אָדער צערטליכקייט, אָדער זיי בעטען עס מען זאָל זיי אויסלייזען פון זייער פינסטערען גלות — ווייס איך ניט, אָבער עפּעס בעטען זיי, עפּעס פאַרלאַנגען זיי.

זיצען צוויי מיידלאך ביי וועב־שטולען איינע נעבען די אַנדערע. איינע אַ ביסעל אַן עלטערע און די צווייטע — נאָך

גאָר אַ פּיצעל קינד. איך ווייס ניט מיט וואָס די קליינע האָט זיך פאַרזינדיגט, אָבער די עלטערע האָט איהר גאַנץ גוט אָנגעבוכטשעט און אָנגעריסען פאַר די הערלאָך, אַז זי האָט זיך נעבאך אַזש צואווויינט אויפ׳ן קול. און דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרען אַזוי שנעל, ממש כהרף עין, און ניט די שלעגעריין, ניט די געשלאָגענע האָבען מפסיק געווען פון זייער ארבייט. דאָס קינד האָט געוויינט און געכליפּעט און צו דער זעלבער צייט אָנגעגאַנגען מיט איהר אַרבייט.

ווי עס שיינט שטעהען זיי דאָרט אונטער שטרענגע דיסציפּלין, און ווער ווייסט וואָס מאַנכע פון די קליינע אַרבייטאָרינס האָבען נאָך שפּעטער געהאַט אויסצושטעהן פון זייערע פּאָרלייט, פון זייערע אויפזעהער פאַר זייער אפשר אומגעווינשטער אויפפיהרונג פאַר אונז אַמעריקאַנער געסט.

און כאָטש מיר האָבען אויף די אַראַבער בכלל געקוקט מיט פאַראַכטונג מעהר ווי מיט רחמנות, האָבען אונז די אומבאהאָלפענע קינדער ממש צובראָכען די הערצער. עס מאַכט ניט אויס ווער זיי זיינען, פון אַראַבישער אָפּשטאַמונג אָדער פון וועלכען עס איז אַנדער פאָלק, אָבער פאָרט ניט מעהר ווי קינדערלאָך, אומשולדיגע באַשעפענישען, און שוין אַזוי פאַרשקלאַפּט! און ווער איז דערפאַר פאַראַנטוואָרטליך? צו וועמען זאָל מען האָבען טענות? ווייס איך ניט.

מען פיהרט אונז אריין אין מאַגאַזין פון פּרעכטיגע טעפּיכער אָדער ראָגס, פאַרנעמט עס אַן אויג. פּראַכטפול שעהנע אַרבייט, און מען פאַרקויפט עס גאַנץ ביליג. מען באָט אונז אָן צו קויפען סחורה, אָבער אונזער גרופּע האָט גאָרניט געגעבען צו לייזען.

פון דאָרט פיהרט מען אונז אין אַ מוזעאום, אַ קליין מוזעאומעל, אין וועלכען עס געפינען זיך אַ ביסעל אַלטערטימער. אָבער אין די אויגען וואַרפען זיך מיר אם מעהרסטען צוויי זאַכען: אידישע אַלטע מצבות און אַ פאַרשטיינערטער קערפּער פון אַ מענשען.

איין מצבה איז מיר געלונגען צו קאָפּירען, כאָטש די אותיות זיינען טיילווייז אָפּגעריבען פון אַלטקייט.

דער אויפשריפט אויף דער מצבה לייענט זיך:

„בעופרת עלי אבן יקרה
כתבוהו נדיבי עם על קבר
זקנתם ואמם הגבירה
להשיב שאלת כל איש ואשה
אשר שואלים למי זאת הקבורה
והוא קבר זקנה נהדרה
אשר דמתה במפעלה לשרה
כה"י נתן לנרבונים עטרה
שנת התמ"ד ביום ראשון
בשלש ועשרים בתשרי נעדרה
אלקים יאסף נפשה בעדן
בתוך חופה יקרה והדרה".

די דאָזיגע מצבה איז געבראכט געוואָרען פון דער פראַנ־צויזישער שטאָדט נארבאָן, נרבונא אָדער נרבנה אין אידיש. דאָס איז די באדייטונג פון דער אַכטער שורה: „כבוד ה' יתברך נתן לנרבונים עטרה" — דער אויבערשטער האָט יענער פרוי געגעבען די נרבונים, די אידען פון נרבנה, אַלס אַ קרוין, אַלס אַ צירונג.

די מצבה איז לויט דעם דאַטום, וואָס איז אויף איהר אָנ־געגעבען, אַלט צוויי הונדערט מיט פיר און פערציג יאָהר. אויפ'ן אידישען בית עולם אין אַלזשיר, האָט מען מיר געזאָגט, זיינען פאַראַן אַ סך עלטערע מצבות. ווארום די און די אַנדערע מצבות זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין מוזעאום אַלס אַנטיקען, האָב איך ניט געקענט דערגעהן.

דער פארשטיינערטער קערפּער איז געלעגען אין אַ גלעזער־נעם קאַסטען, די הענד געבונדען אויף הינטען און די פיס אונ־טען שטייף געבונדען איינע צו די אַנדערע.

ווער איז ער געווען און וואָס אַזוינס האָט מיט איהם פּאַסירט? איז אַזאַ מעשה:

ער איז געווען אַ מחמד'אַנער. זיין נאָמען איז געווען דזשעראָנימאָ, און האָט געלעבט מיט פיר הונדערט יאָהר צוריק. דער דזשעראָנימאָ איז אַוועק קיין שפּאַניען בעת דער קאַטוי־

לישער פאַנאַטיזם האָט דאָרט געבושעוועט און איז דאָרט דורך צוואַנג אָדער פרייוויליג געוואָרען אַ קריסט פון קאַטוילישען גלויבען. זיבען יאָהר איז ער דאָרט אָפּגעווען און איז נאַכהער צוריק אַהיים געקומען. די אַלזשירער מחמד׳אַנער, וועלכע זיי־נען געווען פאַרקאַכט אין זייער אמונה, זיינען אויף זייער לאַנדס־מאַן געווען שטאַרק אויפגעבראַכט פאַר זיין איבער׳שמד׳ן זיך אויף אַ קאַטויליק און מען האָט פון איהם פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך אומקערען צוריק צום גלויבען פון זיינע עלטערען. דזשעראָנימאָ האָט אָבער ניט געוואָלט. מען האָט איהם אָנ־געטאָן כל׳ערליי לײדען און ער האָט זיך אַלץ געהאַלטען ביי זיין עקשנות.

ענדליך האָט מען איהם געבונדען און לעבעדיגערהייד איינ־געמויערט אין אַ וואַנד. ביי יעדען ציגעל אָדער שטיין, וואָס מען האָט ארום איהם ארומגעמויערט, האָט מען איהם אַלץ געגעבען די ברירה אַז ער זאָל זיך צוריק אומקערען צו דער מוסולמאַ־נישער אמונה, אָבער מען האָט עס ביי איהם ניט גע׳פועל׳ט און מען האָט איהם אינגאַנצען איינגעמויערט אין וואַנד. מיט פילע, פילע יאָהרען שפּעטער האָט מען יענע געביידע צוואָרפען און זשעראָנימאָ׳ס קערפּער איז דאָרט געפונען געוואָרען פאַרשטיי־נערט אין דער פּאָזע ווי מען האָט איהם איינגעמויערט.

די מחמד׳אַנער האָבען אין שפּאַניען געהאַט גענוג אויס־צושטעהן פון די קאַטוילישע פאַנאַטיקער און די אינקוויזיטאָרען, האָבען זיי זיך נוקם געווען אָן אַ קאַטויליק מדה כנגד מדה מיט די זעלבע שוידערליכע אכזריות.

מען האָט אונז ארויפגעפיהרט אויף אַ באַרג און אָנגע־ציינט אויף אַ געביידע, וואָס שטעהט דאָרט. דאָ — ערקלערט אונז דער „גאַיד" — האָט אַמאָל געוואוינט דער טערקישער גובערנאַטאָר. דאָ האָט ער עס געפּאַטשט דעם פראַנצויזישען קאָנסול, וואָס עס האָט געפיהרט צו די פראַנצויזישע עראָבערונג פון אַלזשיר.

מיר האָבען דאַן באַזוכט דעם שטאָדטישען באָטאַנישען גאָר־טען, אַ פּראַכטפולער פּאַרק מיט וואונדער־שעהנע בוימער און פלאַנצונגען, ממש אַ ברכה צו מאַכען. אַזעלכע בוימער, פלאַנ־

צונגען און וואקסונגען האָבען מיר נאָך ביז איצט ניט געזעהן.

אַלס פאַרבייסען, אַלס צימעס פון אונזער פאַרברענגען אין אַלזשיר, האָט מען אונז ווידער געבראכט צווישען אייגענע, אחינו בני ישראל.

מען האָט אונז ווידער אריינגעפיהרט אין א שוהל, א קליינע אָרימע שוהל'כעל אזוי ווי א היימישער קליינשטעדטעלדיגער בית המדרש, אָדער א חסיד'ישע קלויז. דאָרט האָבען מיר געטראָפען אייניגע אידען. נאָך זייער הלבשה האָט מען געקענט זעהן, אז זיי זיינען ניט פון דער רייכער קלאַס. וואהרשיינליך אָרימע ארבייטער אָדער קרעמערלאַך, וואָס האָבען זיך מסתמא אריינגעכאַפּט אין שוהלכעל דאַווגען מנחה.

איינעם האָט מען אונז פאָרגעשטעלט אַלס „כאַכאַם" (חכם), רב, הייסט עס. אזוי ווייט ווי אונזערע מענשען האָבען זיך מיט איהם געקענט פאַנאַנדעררעדען אין ספרד'ישען העברעאיש, האָט עס אויסגעזעהן, אז קיין וואַזשנער למדן איז ער ניט.

אָבער דאָס איז ניט פון די חדושים פון אַלזשיר. ביי אונז אין אמעריקא זיינען ב"ה אויך פאַראַן אידען וואָס באַטיטלען זיך מיט'ן טיטול „רב" און זיינען גאַנץ ווייט פון לומדות...

פון דאָרט האָט מען אונז געפיהרט אין דער ישיבה. דער מנהל, אָדער פּרינסיפּאַל, האָט אונז גאַנץ פיין אויפגענומען און פאָרגעשטעלט פאַר אונז דעם „יושב ראש", דעם פּרעזידענט פון אנשטאַלט, אַן עלטערער איד, קענטיג ניט קיין אָרימער, מיט א פראַנצויזיש בערדעל, אָבער נעבאַך זעהר טעמפּ אין לשון הקודש. מיר האָבען מיט'ן מנהל געשמועסט — אזוי ווייט ווי אונזערע אמעריקאַנער כחות האָבען אונז געדינט — אין ספרד'ישען העברעאיש, אָבער ער, דער פּרעזידענט, האָט, קענטיג, גאָרניט פאַרשטאַנען, ניט אונזער שלעכטען העברעאיש, ניט דעם מנהל'ס ריכטיגע אויסדריקע, און דער מנהל האָט געדינט אַלס דאָלמעטשער און איהם אַלעם איבערגעגעבען אין אראַביש אָדער שפּאַניש.

פאַר אונז אמעריקאַנער איז עס קיין נאָווינע ניט. ביי אונז אין אמעריקא קען אויך פּאַסירען אז א פּראָסטאַק, אפילו א קליינער בעל עברי, זאָל זיין פּרעזידענט אין א אידישען לעהר-אנשטאַלט.

האָבען מיר זיך געפיהלט כמעט אזוי ווי אין דער היים, און מען האָט זיך כמעט פארגעסען אז מען איז גאָר אין אפריקא.

עס איז דאמאָלס ניט געווען די צייט פון לערנען, אָבער איינינע בחורים׳לאך, גאנץ שעהנע יונגען, פרעהליכע, לוסטיגע, האָבען זיך דאָרט אומגעדרעהט און פריינדליך געשמייכעלט צו אונז, אורחים. די בחורים׳לאך זיינען אומגעגאנגען בגלוי ראש און האָבען אויסגעזעהן מעהר סטודענטלאך ווי ישיבה־בחורים.

אויף א טיש זיינען געלעגען גמרות, שלחן ערוך׳ס און אנ־דערע ספרים. איך האָב א מיש געטאָן א גמרא סנהדרין און דאָרט געפונען די „מעשה תלוי״, די געשיכטע פון יעזוס׳ן, וואָס געפינט זיך ניט אין אונזערע גמרות, ווייל די צענזורען האָבען עס ארויסגעוואָרפען. איך וויים ניט וואו די גמרא איז געדרוקט, ווייל די „שער בלאט״ האָט געפעהלט.

אויף דער פראגע: אויב די בחורים לערנען בגלוי ראש, האָט דער מנהל געענטפערט, אז אידישע למודים לערנען זיי „בכסוי ראש״, מיט צוגעדעקטע קעפ.

מיר האָבען געהאט די עהרע צו באגעגענען זיך מיט איי־ניגע תלמידות, יונגע, שעהנע, מונטערע און שטיפערישע אידישע טעכטער, אפילו ניט קיין „געבאבטע״, אָבער בא׳חנ׳טע.

מען האָט אונז געצייגט די קלאסען, אָדער חדרים, און דער־מיט האָבען מיר, א גרופע פון א צוואנציג פערזאָן, פארענדיגט אונזער טאָג „ארבייט״ אין אלזשיר און מיר האָבען זיך געלאָזט געהן צום האפען. אנדערע זיינען נאָך אפנים ניט גענוג זאט געווען פון אלזשיר און זיי זיינען אוועק אָנקוקען נאָך עפעס נייעסען.

מיר זיינען אָפּגעגאנגען א שטיקל וועג און עס האָט פּאַ־סירט א פּאָרפאל, וואָס האָט אונז אלעמען באאומרוהיגט. מר. יוסף דאובער, א בארא פארקער שעהנער בעל הבית, וואָס איז געפאָהרען קיין ארץ ישראל מיט זיין פאמיליע, איז נעלם גע־וואָרען. וואו איז מר. דאובער? ניטאָ מר. דאובער. מרס. דאובער מיט די קינדער זיינען מיט אונז, און ער איז ניטאָ. וואו האָט ער געקענט אהינקומען, פארשטעהט קיינער ניט.

מען קוקט זיך ארום אין אלע זייטען. מען שרייט, מען רופט און אין קול ואין עונה.

ווערען מיר אלע אומרוהיג. עס איז שוין שפעט פארנאכט, אין א פרעמד לאנד, וואו עס געפינען זיך אזוי פיל אראבער; אין א לאנד, וואו מען קען זיך מיט קיינעם ניט פאנאנדער־ריידען — ווער וויים, וואס עס קען פאסירען! איז א שאד א איד, בפרט נאך א גאנץ וואוילער איד, א ציוניסט, א חסיד און סתם א גוטער מענש אין אלע פרטים. לויפט מען אהין, אהער און — והילד איננו.

עס האט געדויערט א היבשע שטיקעל צייט. מיר אלע זיינען צושראקען און זיין ווייב און קינדער נאך מעהר.

פלוצלונג — ער איז דא! שמחה וששון, דער פארלוסט האט זיך, א דאנק זיין ליבען נאמען, אפגעזוכט. וואו זייט איהר געוועןְ? „א דאנק גאט", — זאגט ער, — „אבי איך בין ארוים מיט גאנצעביינער און מיט מיין זייגער און געלד אין די קעשע־נעס". און ער דערצעהלט, אז ער האט זיך עפעס פארטראכט און איז פארבליבען איינער אליין פון הינטען. זיינען איהם באפאלען א באנדע יונגע פעדלער, אדער שנארערס, אדער סתם באנדיטלאך, און מען האט איהם שיער אויף שטיקער צוריסען. דער גליק זיינער איז געוועןְ, וואס ער איז, אהן עין הרע, א איד מיט ביינער, ניט קיין שלימזל'ניק, איז איהם געלונגען אויסצו־דרעהען זיך פון זייערע הענד.

דער „געראטעוועטער" האט געמאכט, אזוי צו זאגען, א „סעודת הודאה". אונזער גאנצע קאמפאני איז צוגעקומען צו א שענקעל, מיר האבען זיך אלע אויסגעזעצט ארום טישלאך אין דרויסען און מען האט דערקוויקט די הערצער מיט אלזשיר'ער ביר און סאדא וואסער על חשבונו.

קומענדיג צום האפען, האבען מיר געהאט צו ווארטען אויף א דאמפפער, וואס זאל אונז צופיהרען צו אונזער שיף. איך און מיין ווייב האבען זיך אפגעזוכט א קלאץ, אויף וועלכער מיר האבען זיך אוועקגעזעצט אויסרוהען אונזערע פים, וואס מיר האבען אפגעמאטערט איבער'ן טאג. דארט, ביים קלאץ, האב איך דאס פארגעניגען געהאט צו באקענען זיך מיט א רוסיש־

אידישען יונגען מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ קוקאַרדע אויפ׳ן היטעל. אין אַ שווערליכען אידיש האָט ער ערקלערט, אַז ער איז אַ כעמיקער, אָבער פּרנסה פון זיין פּראָפעסיע האָט ער ניט, האַלט ער אָן אַ שטיקעל שטעלע ביים האַפען. ער איז, הייסט עס, אַ שטיקעל באַאַמטער, אָבער ער האָט ניט גענוג צו מאַכען אַ לעבען פאַר איהם מיט זיין ווייב און אַ פּאָר קינדערלאַך, וואָס ער פאַרמאָגט.

„עס זיינען דאָ פאַראַן נאָך רוסישע און פּוילישע אידען, וואָס זיינען אַהער פאַרוואָרפען געוואָרען אין צייט פון דער מלחמה", — האָט ער מיר געזאָגט, און איך האָב זעהר באַ־דויערט, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו באַ־געגענען זיך מיט זיי.

איך האָב דעם לאַנדסמאַן מכבד געווען מיט עטליכע אַמע־ריקאַנער פּאַפּיראָסען, פאַר וועלכע ער האָט מיר הערצליך באַ־דאַנקט און מיר האָבען זיך צושיידט.

מיר זיינען געקומען אויפ׳ן שיף שוין שפּעט אין אָווענד, און מיט אַ פּאָר שטונדען שפּעטער איז די שיף אָפּגעגאַנגען.

## 8.

## די קעניגין פון דער ריוויעראַ. — אַן עזאָזל אין מאָנטע קאַרלאָ. — אומזיסטיגע גרויסע הכנות. — די רולעטקע. — צוויי יצר הרע׳ס. — מען שאַרט געלד מיט לאָפּעטעס.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך די „מאָרעטאַניא" אָפּגעשטעלט ביי דער האַפען־שטאָדט ווילאַ־פראַנטש. די שיף האָט דאָרט צו שטעהן דעם גאַנצען טאָג ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט.

מיר האָבען דאָרט אַ קאָמבינאַציע פון ווילעפראַנטש, ניצע, מאָנטע קאַרלאָ, אַלע ניט ווייט איינע פון די אַנדערע. אין אונ־זער פּראָגראַם ווערט געזאָגט, אַז דעם טאָג וועלען מיר אַרומ־

פאַהרען די שטעדט, זעהן די וויכטיגע פּלעצער און געגענדען און אין אָוונעד ווע לען מיר מאַכען אַן עקסטרא באזוך אין דער קאַ־סינאָ פון מאָנטע קארלאָ, דער באריהמטער געמבלינג־פּלאַץ אין דער פּיטשינקער פירסטענטום אָדער מדינה׳לע מאָנאַקאָ.

די אַלע דריי שטעדט זיינען איצט אונטער פראנקרייך און די געגענד איז באריהמט אַלס „די הארץ פון דער ריוויערא".

קוקענדיג פון דעק פון שיף האָט מען פאר די אויגען א וואונדער־שעהנע און הערליכע פּאנאָראמא. באגרינטע און באַ־בלומטע בערג פאַנגען זיך אָן ביים ברעג ים און ציהען זיך ארויף הויך, ניט געוועהנליך משופּע, נאָר אזוי ווי טרעפּ.

און צווישען די גרינקייט און פיל קאָלירטע בלומען שטעהען דאָ און דאָרט זעהר שעהנע פּאלאַצען און די אויגען ווערען ניט אָנגעזעטיגט צו קוקען אויף דעם פּראכט און גלאַנץ פון דעם וואונדערליכען ים־ברעג.

אידען וואוינען אין ניצע, אָדער ניס, זייט הונדערטע יאָהרען. זיי האָבען שוין דאָרט געהאַט פארשיעדענע צייטען, שלעכטע און בעסערע. געוועזן צייטען ווען אידען האָבען דאָרט געמוזט טראַ־גען אַ געוויסען צייכען אויף זייערע מלבושים, כדי מען זאָל זיי קענען אונטערשיידען פון ניט־אידען. האָט עס אַ איד ניט אויס־געפאָלגט, זיינען זיינע קליידער קאָנפיסקירט געוואָרען און עס איז ־עכט געווען איבערצולאָזען איהם נאַקעט. מען האָט אידען פאַר־באָטען צו האנדלען, צו שטודירען און אַ איד האָט ניט געטאָרט באשעפטיגען אַ ניט אידען.

אָבער דאָס האָט שוין לאַנג געמיטען. איצט, אונטער פראנק־רייך, לעבען דאָרט די אידען געוויס פריי, אָבער קיין סך אידען איז דאָרט ניטאָ.

פון די אמאָליגע אידען האָבען זיך אַ סך אסימילירט מיט איטאַליענער, צו ווען די געגענד האָט אמאָל באלאנגט. אפילו אונטער פראנצויזישער הערשאַפט, זייט דעם יאָהר 1860, האָבען זיך אויך מאַנכע אידען אויסגעמישט מיט די פראנצויזען. עס זיינען אָבער געווען צייטען ווען דאָס יודענטום האָט דאָרט גע־בליהט און ניצע האָט ארויסגעגעבען אידישע חכמים און גדולים.

פאַר דער מלחמה האָט די אידישע באפעלקערונג אין ניצע

געצעהלט בלויז טויזענד נפשות. די מלחמה האט אהין געבראכט אידען פון אנדערע לענדער און זיי לעבען דארט פארהעלטנים־מעסיג גאר ניט שלעכט. א היבשער טייל פון האנדעל און אינדוסטריע ליגט אין אידישע הענד. די אידען האבען דארט שולען און אנדערע אידישע אנשטאלטען און האבען אין אלגעמיין ניט וואס צו באקלאגען זיך.

צום באדויערען האב איך ניט געהאט די געלעגענהייט צו באקענען זיך מיט דארטיגע אידען פערזענליך. איך האב אבער אנגעטראפען איינעם, מיט וועמען איך האב זיך געקענט פאנאנ־דעררעדען, און ער האט מיר אפגעגעבען דעם גרוס, אז אידען פיהלען דארט קיין גלות ניט און האבען אבסאלוטע רעליגיעזע און עקאנאמישע פרייהייט.

ניצע איז א ווינטער רעזארט. פילע מענשען פון נאהענט און פון ווייט קומען אהין אויפ'ן ווינטער, ווייל די לופט איז דארט זעהר גוט. עס פארשטעהט זיך, אז אחינו בני ישראל רייבען זיך אויך ארום דעם און עס גיט זיי צו פרנסה.

מיר קומען אריין אין ווילעפרענטש. אונזער פראגראם זאגט, אז מיר האבען צו פאהרען עטליכע און צוואנציג מייל ארום ניצע און ביים ים־ברעג און מיר וועלען זעהן איינע פון די שעהנסטע לאנדשאפטען, וואס די וועלט פארמאגט.

און דאס איז ניט געווען קיין גוזמא. אויטאמאבילען פיה־רען אונז דורך גאסען, אלייען און געגענדען און מיר ווערען ווירקליך באגייסטערט פון די נאטור־שעהנהייטען, וועלכע מענ־שען־קינדער האבען נאך מעהר פארשענערט דורך אויסבויען פראכטפולע ווילאס און פארפלאנצען גערטנער, וואס הארמא־נירען מיט די אויגען־בלענדענדע שעהנקייט, וואס די נאטור האט געשאפען, און גיבען איהר צו מעהר חן.

יא — טראכט איך — עס זיינען פאראן מענשען וואס פאר'מיאוס'ן אונזער וועלטעל, מאכען איהר אפטמאל העסליך און עקעלהאפט; דערפאר אבער זיינען דא אזעלכע וואס פאר־שעהנערען איהר.

אונזערע אויטאמאבילען שלענגלען זיך איבער געדרעהטע בערג־וועגען און יעדע ווייטע אליי אן אנדער סצענע, אן אנדער

פּאַנאָראַמאַ פאַר די אויגען. דאָ און דאָרט ווילט זיך אָפּשטעל־לען, כדי מעהר צו באַאָבאַכטען אַ געוויסען פּונקט, און איך זאָג דאָס אונזער אויטאָמאָביל־טרייבער, אָבער ענטוועדער ער פאַר־שטעהט מיר ניט, אָדער ער וויל ניט, און ער טרייבט ווייטער.

אויף איין פּלאַץ, אויף אַ הויכען באַרג, האָבען זיך אונ־זערע אויטאָמאָבילען אָפּעשטעלט. פון דאָרט האָבען מיר געזעהן די גאַנצע שטאָדט ניצע, וואָס ליגט אין אַ טאָל, אין איהר פולען פּראַכט און גלאַנץ. ווי אַ פּרעכטיגער אַמפּיטעאַטער זעהט די שטאָדט אויס און מען קען גאָר ניט משער זיין וואָס פאַר אַ שעהנע לאַנדשאַפט דאָרט איז.

אָבער, מורי ורבותי, ארץ ישראל האָט אין מיינע אויגען אויסגעזעהן נאָך שעהנער. אפילו איהרע הויכע, מיט שטיינער באַדעקטע בערג האָבען מיך מעהר באַגייסטערט ווי די „האַרץ" אָדער די „קעניגין" פון דער ריוויעראַ".

אפשר איז דאָס צוליב דעם, ווייל ארץ ישראל איז אונזער אייגענס, און אַן אייגען קינד אָדער אַן אייגענע מאַמע איז באַ־ליבט, מעהר צום האַרצען און זעהט אויס שעהן ווען אפילו זי איז ניט אַזוי שעהן.

אַ גאַנצען טאָג האָבען מיר דאָרט פאַרבראַכט. באַזוכט אַ סך וויכטיגע פּלעצער, געזעהן דעם פּאַלאַץ פון דעם פּרינץ פון מאָנאַקאָ און דעם פּרעכטיגען בלומען־גאָרטען אַרום און נאָך און נאָך, אָבער, צום באַדויערען, ניט די אידישע שכונה. עס איז געווען אַן אויסגעשטעלטער פּראָגראַם און די אידען פון ניצע האָבען אפנים ניט געהאַט די זכיה אַז מיר רייזענדע קיין ארץ ישראל זאָלען זיי אָפּשטאַטען אַ וויזיט...

אָבער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך מעהר־וועניגער ערפאַהרען וועגען די דאָרטיגע אידען פון איינעם, מיט וועמען איך האָב זיך געקענט צוזאַמענריידען, איז יוצא. אבי ערפאַהרען אַז זיי זיינען ב"ה געזונד און האָבען פּרנסה, איז גענוג.

מען ברענגט אונז אויף אַ פּלאַץ ביים ים. פון ווייטענס זעהט זיך אַ הויכער באַרג און מען דערצעהלט אונז, אַז דער דאָזיגער באַרג איז באַריהמט אַלס דער „זעלבסטמאָרד באַרג". מענשען וואָס פאַרשפּילען זייערע פאַרמעגענס אין דער מאָנטע

קאַרלאָ קאַסינאָ קלעטערען אַרויף אויף יענעם באַרג און וואַרפן זיך אַרונטער אין ים אַריין. אַ סך האָבן דאָס שוין געטאָן, און ווער ווייסט וויפיל נאָך עס וועלען דאָס טאָן.

אַ מין עזאָזל. נאָר פון עזאָזל פלעגט מען יום־כפור אַרונטערשליידערען אַ ציגעלע מכפר צו זיין אויף פרעמדע זינד און דאָ שליידערען זיך אַרונטער מענשען אַלס זייערע אייגענע כפרות פאַר זייערע אייגענע זינד.

מיר זיינען געקומען אויפ'ן שיף שפּעט פאַרנאַכט און דער עולם האָט זיך גענומען מכין זיין פאַר דעם אָוונדיגען אַרויספאָהר אין דער קאַסינאָ.

אַהין איז ניט גלאַט מען נעמט און מען זעצט זיך אָוועק און מען פאָהרט. דאָרט איז דאָך אַ פּלאַץ, וואו עס קומען זיך צוזאַמען פּרינצען און פּרינצעסינס, גראַפען און גרעפינס, פירשטען און פירשטינס, דאַרף מען האָבן ספּעציעלע פאָרבאַריי־טונגען איידער מען קומט אַהין אַריין. מען קען דאָך ניט קומען ווי שלעפּערס און מביש שטעלען די פּרינצען מיט די גראַפען מיט די פירשטען.

איז געוואָרען אַ בהלה. מען האָט זיך גענומען פוצען און סטראָיען אַזוי ווי צו אַ חתונה אָדער אַזוי ווי צו אַ געהויבענעם באַל. ווער עס האָט געהאַט פול־דרעס סוטס, האָט זיי אָנגעטאָן און ווער ניט, האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט בגדי שבת אָדער זונטאג.

און ווייבער און ווייבלאַך און מיידלאַך האָבען זיך אָנגע־טאָן, אָדער אפשר פאַרקערט: אויסגעטאָן אין די ענטבלויזעסטע, אַרבעללאָזיגסטע און פוס צייגענדסטע וואָס זיי האָבען געהאַט. און האָבען זיך געשמירט און געפּודערט און געליפּסטיקט און געשפּיגעלט אָהן אַ שיעור. אַ שפּאַס, מען וועט האָבען די זכיה צו קומען אין געזעלשאַפט פון פּרינצען, גראַפען און פירשטען, דאַרף מען דאָך זעהן אַז זיי זאָלען האָבען אויף וואָס צו קוקען...

דער סוף אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זייער אַרבייט איז געווען אַרויסגעוואָרפען. זיי זיינען נעבאך געווען דיסאַפּאָינטעט, ענטוישט. די אַריסטאָקראַטיע פון דער קאַסינאָ האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, ווייל דאָרט איז מען פאַרנומען און מען

האָט קיין צייט קוקען אויף נשים. דאָרט איז מען אריינגעטאָן אין איין זאַך, אין שפּילען רולעטקע, און וועמען ליגט עס אין זינען נאַרישקייטען?

מיר, די „ראָזען־פּארטי”, געפיהרט פון דער ראָזען־אַגענטור, זיינען געפאָהרען צו דער קאַסינאָ אין גרויסע פאַרמאַכטע אויטאָ־מאָבילען צו עטליכע און צוואַנציג אָדער דרייסיג פּאַרשוין אין אַן אויטאָמאָביל. מיר האָבען געהאַט צו פאָהרען היבשע עט־ליכע מייל און חברה האָבען זיך אויפ'ן וועג לוסטיג געמאַכט. מען האָט געזונגען כל נדרי, שושנת יעקב, פאַרשיעדענע לידער, אויך שירי ציון, און מען האָט געפּראַוועט הלצות. מען איז דאָך עפּעס אויפ'ן וועג קיין ארץ־ישראל, איז מען גוט אויפגעלייגט און עס איז פרעהליך אויף די הערצער.

מיר קומען אַהין אין פּלאַץ — שוין איינמאָל אַ פּלאַץ! אַ פּלאַץ וואָס האַלט אוים די פאַרוואַלטונג פון אַ גאַנצע מדינה'לע; אַ פּלאַץ וואָס אין כמוהו, וואָס נאָך אַזעלכער איז אויף דער וועלט ניטאָ. איך געה אריין אין הויפּט זאַאַל, זיינען דאָרט פאַראַן מענשען לאַלפים. די לאַנגע רולעטע טישען זיינען אַלע באַזעצט ארום און פילע זאָגען „מעמדות”, שטעהען אויף די פיס און שפּילען אָדער געמבלען. און גאַנצע מחנות מענשען דרעהען זיך אַזוי ארום, כאַפּען אַ בליק דאָ און דאָרט. און שפּראַכען רעדט מען פאַרשיעדענע: רוסיש, דייטש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש, ענגליש און אַזוי ווייטער. אין אַלגעמיין זעהט עס אוים, אַז דער עולם איז פרעהליך געשטימט. אָבער ווער קען וויסען וואָס עס טוט זיך ביי אַלעמען אין די הערצער? אפשר זיינען צווישען די לוסטיגע פּנים'ער אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס טראָגען זיך אום מיט וועהטאָגען אין די הערצער; אפשר זיינען צווישען זיי פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבען שוין זייערע פאַרמעגענס גע'פּטור'ט און האָבען שוין אין זינען ארויפצוגעהן אויף יענעם באַריהמטען באַרג, אַרונטערוואַרפען זיך און פאַרשלונגען ווערען אין ים?! שווער צו וויסען וואָס ביי אימיצען אונטער'ן אַרבע כנפות אָדער אונטער דער שטייף־געפּרעסטער העמד טוט זיך.

פאַר די וואָס זיינען נייגעריג צו וויסען ווי אַזוי די רולעטע שפּיל געהט אָן, וועל איך עס אָפּמעלדען אין קורצען.

עס שטעהען לאנגע טישען, אין יעדען טיש זיינען פאראן קיילעכדיגע אויסגעשניטענע חללים, אין וועלכע עס זיינען איינ־געזעצט בעקענס. אין יעדען בעקען איז אינוועניג ארום און ארום א רינעלע, וואס האט אין זיך גריבלאך. יעדע גריבעלע איז באצייכענט מיט א נומער. צו דעם איז דא א ווייס קייל־בעל, וואס ליגט אין דער רינעלע. דאס איז די רולעטע, אין וועמעס הענד, אזוי צו זאגען, עס ליגט דער שיקזאל פון די שפילער.

איןביידע זייטען פון דער רולעטע אין דער לענג פון טיש זיינען פאראן רייהעס מיט נומערען. יעדער שפילער קלייבט זיך אויס וועלכען נומער ער וויל און שטעלט אויף איהם זיין „סטאווקע", ניט ווייניגער ווי צעהן פראנק. ווען די „סטאווקעס" זיינען אויסגעשטעלט, טוט אן אנגעשטעלטער א דריק אן עלעקטרישען קנעפעל און דער בעקען הויבט זיך אן געשווינד דרעהען, דאס קיילעכעל שפרינגט פון איין גריבעל אין דער אנדערער ביז זי פארבלייבט ליגען, און יענער נומער, ביי וועלכען זי בלייבט ליגען, געווינט.

דאס איז אומגעפער אויף אזא אופן, אבער ניט פינקטליך אזוי. עס זיינען נאך דא געוויסע כללים אין דעם, וואס דעם אמת זאגענדיג ווייס איך אליין אויך ניט.

שטעה איך און קוק זיך צו ווי מענשען זיינען פאראינטע־רעסירט און פארטיפט אין די געמבלינג. זיצען מענער און אנט־קעגען זיי זיצט א בילד־שעהנע יונגע דאמע, מיט א פאר אויגען, וואס קענען, דאכט זיך, דורכדרינגען אפילו די הארץ פון פרימ־סטען חסיד, און זיי, די מאנסבילען, וואס זיצען אנטקעגען, טוען אפילו קיין בליק ניט אויף איהר. מילא איינער — טראכט איך — איז אפשר איהר אייגענער מאן; אבער די אנדערע זיינען דאך פרעמדע, טא ווארום ווילען זיי ניט געניסען די גייסטיגע הנאה פון קוקען אויף א שעהנע אשה? מסתמא — קום איך צום באשלוס — איז דער יצר הרע פון דער רולעטע שטארקער ווי דער וייבערשער יצר הרע.

איך קוק און באטראכט אן עלטערען מאן מיט פארמאכטע אויגען, די ליפען פארשמאכט עפעס אזוי ווי ביי א שוואכען

אידען אין אַ הייסען יום־כּיפּור צו נעילה. זיצט ער און שרייבט און מעקט און חשבונ׳ט אין אַ ביכעלע און אין דער זעלבער צייט רוקט ער די „סטאַווקעס״ און קריגט צוריק גאָרניט. וואָס שרייבט ער, וואָס מעקט ער און וואָס חשבונ׳ט ער, ווייס איך ניט. אפשר וואַרפט ער עס אַ מין גורל וועלכען נומער ער זאָל שפּילען און דער גורל טרעפט גראָד ניט.

עס איז בכלל אינטערעסאַנט צו זעהן, ווי מען שאַרט דאָרט געלד מיט לאָפּעטעס. מיט עקסטרא לאָפּעטעס, געמאַכט פאַר דיזען צוועק, שאַרען די ממונים די פאַרשפּילטע געלדער צו זיך און די געווינער זייער חלק צו זיך.

און גאַנצע הורבעס מטבעות, אָדער ריכטיגער: „טשיפּס״, פאַר וועלכע מען צאָהלט מזומן און מען קריגט מזומן, ווערען אַזוי געשאַרט יעדע ווייל. שווערע טויזענדער ווערען יעדען אָווענד דורכגעשאַרט, און ניט איינער קומט אַהין אַן עושר און געהט אַוועק אַ קבצן.

און דאָס איז נאָך ניט אַלעס. דאָ קען מען פּרובירען מזל פאַר צעהן פראַנק, ניט קיין וואַזשנע מטבע, בסך הכל אַ חשבון פון פערציג סענט. עס איז אָבער דאָרט פאַראַן אַן עקסטרא זאַאַל פאַר גאָר גרויסע געמבלערס, וואו מען שפּילט אין הונ־דערטער און אין טויזענדער, און דאָרט, פאַרשטעהט זיך, פאַלען גאָר שווערע קרבנות, און מאַנכע רייכע ווערען אפשר נאָך רייכער.

מיר זיינען אַוועק פון דער קאַסינאָ ארום האַלבע נאַכט. פאַרטאָג איז אונזער שיף אָפּגעגאַנגען און מיר זיינען ווידער גע־ווען צווישען הימעל און וואַסער און ערוואַרטעט אונזער פינפטען אָפּשטעל אין נעאַפּאָל.

## 9.

**די שטאָדט נעאַפּאָל. — זעה ארץ ישראל און לעב. — גן עדן און גיהנום אין שכנות. — וועזוואַוויום הגדול און וועזוואוויום הקטן. — אַ נאַטור־געשאַפענע שוויץ־באָד. — אַ מחלוקת לשם שמים.**

ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען אסתר תענית אין דער פריה האָט זיך אונזער שיף דערנעהנטערט צו נעאַפּאָל, די פּאָפּולערסטע און גרעסטע שטאָדט אין איטאַליען.

אין דרויסען איז געווען שעהן, ווארים און נעאַפּאָל האָט געשיינט אונטער די אָפּשפּיגלונג פון דער ליכטיגער זון.

„זעה נעאַפּאָל און שטארב". אזוי זאָגט אַן אַלטע זאגע, וואָס מיינט אויסצודריקען, אַז נאָכדעם ווי מען זעהט נעאַפּאָל, האָט מען שוין געזעהן דאָס שעהנסטע וואָס די וועלט פארמאָגט און מען קען שוין ניט האָפען צו זעהן עטוואָס שעהנערעס. האָב איך געזעהן נעאַאָפּל און איך זאָג אַז עס לוינט זיך אָסור אַוועקלעגען זיך און שטארבען, ווייל אַ לעבעדיגער מענש קען נאָך האָפען צו זעהן שעהנערס.

פון וואנען זשע שטאמט עס אָט דער דאָזיגער ווערטעל:

„זעה נעאַפּאָל און שטארב"? קען זיין, אַז אמאָל, מיט הונדערטע יאָהרען צוריק, איז נעאַפּאָל טאקע געווען אַ מין כלילת יופי, וואָס קיין שעהנערעס איז ניט געווען; אָבער ניט היינטיגע צייטען.

און אפשר איז עס וואָס מען רופט דאָ אין אַמעריקא: אַ „פּרעס איידזשענסי סטאָרי". אימיצער האָט געוואָלט אַדווערטייזען די שטאָדט, כדי מענשען זאָלען זיך אַהין ציהען, האָט מען בדרך גוזמא געשאַפען אַזאַ ווערטעל.

און טאָמער בין איך קיין מבין ניט, טאָמער האָב איך ניט דעם ריכטיגען געשמאַק, בין איך אויך ניט שולדיג.

אָבער איך מיין חלילה ניט אַוועקצומאַכען נעאַפּאָל מיט דער האנד און מבטל זיין איטאַליען׳ס שטאָלץ. נעאַפּאָל איז ווירקליך שעהן. די שטאָדט און איהר אומגעבונג איז זעהר רייך

אין נאַטור־שעהנקייטען און אין שעהנקייטען געשאַפען דורך די הענד פון קינסטלער און ארכיטעקטאָרען. דער האַפען, דער אריינפאָהר אין שטאָדט ביים ים איז פראכטפול, אפשר דער שעהנסטער פון אַלע האַפענס, וויניגסטענס פון די וואָס איך האָב געזעהן. אין שטאָדט גופא זיינען אויך פאראַן געגענדען און פונקטען, אויף וועלכע עס ליגט אַ צויבערהאַפטע שעהנקייט; אָבער צו זאָגען, אַז קיין שעהנערעס איז שוין גאָר אויף דער וועלט ניטאָ — דאָס ניט.

יעדענפאַלס געפעלט מיר ניט דער נוסח. אַן אויסדרוק: „זעה און שטאַרב" אָהן אַ „חס ושלום" אָדער „גאָט זאָל היטען" אָדער „רחמנא לצלן"! דאָס איז עפּעס אַ גוי'אישע מליצה. אַזוי רעדט אַן עם הדומה לחמור. געפעלט מיר טאַקע בעסער ווי אַ איד האָט זיך קלוג אויסגעדריקט: „אָנשטאָט „זעה נעאַפּאָל און שטאַרב" זאָג איך: „זעה ארץ ישראל און לעב". אַזאַ יאָהר מיר ווי ער איז גערעכט.

איך שטעה אויפ'ן דעק און קוק אויף דער שטאָדט מיט די בערג און ווילאַס און פּאַלאַצען ארום, וואו עס גרינט און עס בלומט, און אין אַ זייט זעה איך דעם וועזואוויוס, דעם גרויסען נאַטירליכען מחבל, וואָס האָט שוין חרוב געמאַכט שטעדט און אין זיינע קאָכעדיגע שפּייעכץ — די לאַווא — אָפּגעקאָכט מענשען לעבעדיגערהייד. קוק איך אויפ'ן רויך, וואָס שפּאַרט ארויס פון זיין שרעקליכען מויל, און טראַכט ביי זיך:

אַ גן עדן מיט אַ גיהנום אין נאָהענטע נאכבארשאַפט! און עס דאַכט זיך מיר, אַז דער וואולקאַנישער בארג רעדט ווערטער און בייזערט זיך: „מענשען קינדער, שטאָלצירט ניט מיט אייערע חכמות, וויסענשאַפט און ערפינדונגען. קען ווער פון אייך מיך אָפּהאַלטען, ווען איך פּאַל אריין אין גרימצאָרן? קען ווער פון אייך פארשטאָפּען מיין מויל, וואָס קען ברענגען פארוויסטונג און פארניכטונג, ווי איך האָב דאָס שוין ניט איין מאָל באוויזען?"

„מה אָנו ומה חיינו" — זאָגט צו מיר אַן עלטערער איד, וועלכער האָט וואהרשיינליך געהאַט אויפ'ן רעיון דאָסזעלבע וואָס איך — „איהר זעהט אָט דעם בערגעל, וואָס רויכערט די ליולקע? אַז ער טוט חלילה אַ שפּיי מאַכט ער אַ תל פון אַלעם ארום, נו,

דארפען מיר מענשען ניט זיין געפאלען ביי זיך? מען האט שוין אויסגעטראכט כל־ערליי קונצען, מען פליהט שוין, מען האט שוין ראדיא, ניכאי וואלט זיך געפינען א חכם, וואס זאל אט דעם חברה־מאן פארשטאפען זיין פיסקאטש, אז ער זאל מעהר ניט קענען שפייען? ניטא נאך דערווייל אזא חכם".

מיר קומען אריין אין שטאדט. די ערשטע גאס איז הויך, א סך העכער פון דער ים־פלעכע און מען קומט ארויף מיט טרעפ, שעהן אויסגעארבייטע שטיינערנע טרעפ. מיר מאכען א שטיקעל שפאציר און דאן זעצען מיר זיך אריין אין אויטאמא־בילען און מען פיהרט אונז אנקוקען נעאפאל.

מיר באזוכען דעם גרויסען מוזעאום, דעם מוזעא בארבא־ניקא, ווי די איטאליענער רופען איהם, וואו עס געפינען זיך פילע אינטערעסאנטע אלטערטימער. דארט זעהען מיר א סך זאכען, וואס זיינען געפונען געווארען אין פאמפעי, די שטאדט, וואס דער וועזואוויוס האט חרוב געמאכט און פארשאטען אין יאהר 79 נאך דער קריסטליכער צייט־רעכענונג און איז געלעגען פארשאטען אונטער לאווא און ערד א חשבון פון אכטצעהן הונ־דערט יאהר. א „גאיד" פיהרט אונז און דערצעהלט אונז און ערקלערט אונז יעדע זאך. מיר זעהען דארט פארשטיינערטע מענשען, קרבנות פון פאמפעי און נאך פילע זאכען, וואס רופען ארויס גרויס אינטערעס.

מען פיהרט אונז אין די גאלעריי אומבערטא, א גרויסער האנדעלס־פלאץ מיט רייכע געשעפטען און מאגאזינען אונטער א וואונדער־שעהנעם גלעזערנעם דאך. די ארכיטעקטור פון יענעם פלאץ איז טאקע ווירקליך צו באוואונדערען.

מען פיהרט אונז פארביי פאלאצען און אלטע געביידעס פון אמאליגע קעניגע, אויפ'ן בערזע־פלאץ, און נאך אין וויכטיגע פלעצער און מיר זעהען זיך אן אזעלכעס וואס אונזערע אבות אבותינו האבען ניט געזעהן.

ווי געזאגט, איז נעאפאל בכלל זעהר א שעהנע שטאדט. וואס מיר געפעלט אם בעסטען איז די בוימער און פלאנצונגען וואס מען זעהט ביי די הייזער און אפילו אויף די דעכער.

עס זיינען אין נעאפאל פאראן שמאלע געסלאך, באוואוינט

פון די אָרימע באַפעלקערונג, אָבער ניט אַזוי אָרים און אָפּגע־לאָזען און שמוציג ווי אין געגענד פון די איינגעבוירענע אַראַבער אין אַלזשיר. וואָס אַנבאַלאַנגט אונריינליכקייט זיינען די אַראַ־בער פון אַלזשיר די טשעמפּיאָנען און איך ווייס ניט אויב עס איז ערגעץ דאָ אַ ווינקעל אויף גאָט'ס ערד וואָס שטייגט זיי איבער אין דעם.

די אָרימע באַפעלקערונג פון נעאַפּאָל שנאָרען ניט, רייסען ניט פאַר די פּאָלעס אַזוי ווי די אַלזשירער. זיי זוכען צו „רייסען אַ פּאַס" פון טוריסטען, פון מסחר, אָבער ניט פון בעטלען. עס באַפאַלען אייך פעדלער מיט פּאַטשערקעס און אַנדערע אַר־טיקלען און בעטען אומגעהויער גרויסע פּרייזען. זיי האָבען אַ השגה צו בעטען פאַר אַן אַרטיקעל פינף, זעקס דאָלאַר, און איהר קענט עס קויפען פאַר אַ דאָלאַר און אפשר פאַר נאָך ווענינער.

די טבע פון בעטען צו הויכע פּרייזען האָבען זיי איבעראַל. אַזוי זיינען די פעדלער פון אַלזשיר, פון ניצע און פון אומעטום. מען קריגט אריין „גרינע", וויל מען פון זיי אָפּלעקען אַ ביינדעל.

וואָס אַנבאַלאַנגט אידען, פאַרמאָגט זיי נעאַפּאָל זעהר ווע־ניג. לויט ווי אונזער „גאַיד", אַ דאָרטיגער תושב, און ווי מיר ווייזט אויס, אַליין אַ „יהודי" — כאָטש ער האָט עס ניט גע־וואָלט צוגעבען — האָט מיר געזאָגט, זיינען אין נעאַפּאָל פאַראַן אינגאַנצען ביי אַ פינף הונדערט אידישע נפשות. אויב זיי האָ־בען אַ שוהל אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אידישע אינסטיטו־ציעס, ווייס איך ניט.

איטאַליען בכלל האָט אמאָל געהאַט אַ היבשע ביסעל אידען, צווישען זיי תלמידי חכמים, גאונים, וויסענשאַפטס־לייט און דיפּ־לאָמאַטען. נעאַפּאָל בפרט האָט אויך פאַרמאָגט אַזעלכע. פון יענע זיינען אָבער ווייניג־וואָס פאַרבליבען און זייערע אור־איי־ניקלאך האָבען זיך אַזוי איינגעלעבט מיט די איטאַליענער, אַז זיי לאָזען זיך גאָר ניט דערקענען אַלס אידען.

אַזוי, האָט מען מיר אינפאָרמירט, איז עס אין נעאַפּאָל. אין אַנדערע גרויסע איטאַליענישע שטעדט איז עס אפשר אַנ־דערש. אַפילו אין סאַמע רוים בין איך געווען אין אַ גאַנץ

שעהנע און גרויסע שוהל, וואָס ווערט אויסגעהאַלטען פון אַלט־געזעסענע איטאַליענישע אידען.

מיר מאַכען אַ רייזע אין אונזערע אויטאָמאָבילען אויסער'ן שטאָדט צום „וועזוואוויוס הקטן".

מיט דעם דאָזיגען טיטול האָבען מיר, אונזער גרופּע אידי־שע טוריסטען, באַטיטולט אַ קליין וואולקאַנישען בערגעל, וואָס געפינט זיך אין אַ ברייטען טאָל, ניט זעהר וויט פון גרויסען באַריהמטען וועזוואוויוס.

אייגענטליך איז דאָרט פאַראַן נאָך אַ וואולקאַנטשיקעל, גאָר אַ „קאַראַפּוזיקעל", וועלכער שטעהט איינזאַם אין אַ ווינקעל. ער שעמט זיך, אפנים, וואָס ער איז אַזוי קליין און שוואַך, האָט ער זיך פאַררוקט אָן אַ זייט און איז כמעט אונבאַמערקבאַר.

פון דעסטוועגען, אָט ווי קליין און אונבאַדייטענד ער איז, וואָלט זיך קיינער ניט געוואונשען ארייַנפאַלען אין זיין מויל, וואָס איז נאָך פיל מאָל ערגער ווי אריינפאַלען אין מויל פון דער ערגסטער אשה רעה...

דער „וועזוואוויוס הקטן" לאָזט זיך הערען און שפּירען פון וויטענס. מען הערט ווי אין זיין „בויך" קאָכט און מען שפּירט דעם גערוך פון שוועבעל וואָס קומט ארויס מיט'ן רויך פון זיין „מויל".

מיר דערנעהנטערען זיך צו איהם און מיר פיהלען, אַז אונ־טער אונזערע פיס רודערט זיך און עס דאַכט זיך אונז, אַז אַ היץ כאַפּט זיך אריין אין אונזערע טריט און פּיאַטעס. אַלע דריקען זיך אַזוי אויס און מאַנכע פון אונזערע נשים האָבען מורא צו געהן וויטער.

אָבער אונזער פיהרער באַרוהיגט זיי. „ער איז נאָך אַ בייבי, אָט דער וואולקאַן", — זאָגט ער. — „אפשר אַן אור־אור־אייניקעל פון גרויסען וועזוואוויוס, און עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. איהר קענט צוגעהן גאַנץ נאָהענט, אויף מיינע אחריות".

„שרעקט זיך ניט", — רופט זיך אָפּ אַ איד פון אונזער חברותא — „דער זכות פון ארץ ישראל, וואוהין מיר פאָהרען, וועט ביישטעהן, אַז עס וועט אונז קיין בייז געשעהן".

מיר געהען צו גאַנץ נאָהענט. מיר באקוקען איהם, דעם קליינעם חברה־מאַן, וואָס קאָכט און רוישט אָהן א שיעור. איך דערלאַנג מיט א שטעקען אין דער הויך צום קראַטער, ברעך אָפּ א היבשע שטיקעל געשמאָלצענע ווי פייער זודיגע לאַוואַ און איך און אנדערע נעמען עס נאָכהער צו שטיקלאך אלס אָנדענקונג.

מען פיהרט אונז אין א טערקישע באָד, א שוויץ־באָד גע־שאַפען פון דער נאַטור אין א לאַנגע און ברייטע הייל אין א שטיינערנעם בארג.

מיר וואַרפען ארונטער די רעק. מיר כאַפּען זיך אַהין אריין, אָבער די היץ — כאָטש א געשמאַקע און אנגענעמע — איז צו שטאַרק און מען קען דאָרט לאַנג ניט פאַרבלייבען, און מיר קומען באַלד ארויס אויסגעווייקט אין שוויים.

מען דערצעהלט אונז, אַז רהומאַטיזם לײדענדע ווערען קו־רירט, ווען זיי שוויצען זיך מעהרערע מאָל אויס אין יענער שוויץ־באָד. איז א חידוש, וואָס אַזאַ קור־פּלאַץ איז הפקר און די שטאָדט אָדער דער שטאַאט אָדער פּריוואַט־אונטערנעמער זוכען ניט צו מאַכען דערפון פּראָפיטען.

אזוי ווי עס איז געווען אסתר תענית און מאַנכע פון אונ־זער גרופּע האָבען געפאַסט און זיך געאיילט צו קומען „אהיים” צו מנחה, האָבען מיר מקצר געווען, שוין מעהר ערגעץ ניט געפאָהרען און ניט געגאַנגען און זיך אומגעקערט צוריק צום שיף.

עס איז נאָך געווען גענוג צייט פאַר דאַווענערס צו דאַווענען מנחה און לייענען „ויחל” און ניט דאַווענערס האָבען נאָך ביז דער מגילה געקענט מאַכען א פּינאַקעל.

צו דער מגילה האָבען מיר געהאַט גאָר א גרויסען עולם. מענער, פרויען און קינדער פון אַלע קלאַסען, אפילו „האַי טאָן” אידען פון ערשטען קלאַס זיינען אויך געקומען צו „אָבזווירוועז” דעם פּורים, און אונזער צייטווייליגער מקום להתפלל איז פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין א ריכטיגען בית המדרש אָדער קלויז אין אַלע פּרטים, מחמת עס איז אויך פאָרגעקומען א מחלוקת און עס האָט אפילו געהאַלטען ביי פּעטש — אַן עכט־אידישער בית המדרש אָדער שוהל־מנהג בכל תפוצות ישראל...

און צוליב וואָס איז עס געווען? צוליב המנ'ען, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערען.

די ערשטע צוויי קאַפּיטלאַך פון דער מגילה איז אָפּגעגאַנגען גלאַט. דער בעל קורא האָט געלייענט און דער עולם האָט זיך צוגעהערט, שאַ, שטיל, פיין, אָהן וועלכע עס איז שטערונג. געקומען אָבער צום דריטען קאַפּיטאַל, וואו המנ'ס טרפה'נער נאָמען ווערט דערמאָנט, איז געוואָרען אַ סומאַטאָכע, אַ מהומה. יונגוואַרג און אויך עלטערע מענשען האָבען זיך, ווי דער מנהג איז, געוואָלט אָפּרעכענען מיט'ן צורר היהודים, און ווען דער בעל-קורא האָט ארויסגעבראַכט פון זיין מויל דאָס וואָרט „המן", האָט מען געקלאַפּט, ווער מיט אַ גראַגער, וואָס מען האָט מיט זיך גענומען פון דערהיים, ווער מיט אַ שטעקען, ווער מיט אַ פלאַש און ווער מיט אַנדערע קלאַפּערגעצייג.

האָט עס דער בעל קורא ניט געוואָלט ליידען און ער האָט אויך געהאַט אַנדערע גוטע און פרומע לייט אויף זיין צד, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז דאָס איז אַ חילול השם. עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל גוים אויפ'ן שיף, דאַרפען זיך אידען פאַרהאַלטען אַנשטענדיג און ניט מאַכען קיין גערודער.

האָט דער בעל קורא פּרובירט מבליע זיין די „המנ'ס", אָפּכאַפּען דאָס וואָרט; אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. חברה האָבען געהאַלטען אַן אויג אויף דעם חברה-מאַן, אויף המנ'ען, און מען האָט איהם ניט דורכגעלאָזען אָהן קלעפּ.

עס האָט ניט געהאָלפען דעם בעל קורא'ס „נו, אָ"; עס האָט ניט געהאָלפען דאָס בייזערען זיך פון זייטיגע מענשען; עס האָבען ניט געהאָלפען די סטראַשונקעס פון אַ רב, אַז מען איז חס ושלום ניט יוצא מיט דער מגילה, ווייל דער קלאַפּער-צד איז געווען פאַר'עקשנ'ט און עס האָט זיך געטאָן צו דער מגילה אַזוי ווי צו כפּרות.

דער הויפּט קלאַפּער איז געווען אַן אַלטער איד, וועלכער האָט פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט נאָכגעבען, אפילו ווען דער בעל קורא איז אריין אין אַזאַ הקפּדה, אַז ער האָט איבערגעלאָזט די מגילה מיט המנ'ען מיט זיינע בנים און איז אוועק פון „שלחן".

דער אַלטער האָט גע'טענה'ט, אַז אַ אידישער מנהג איז אַ תורה און מען טאָר עס ניט מבטל זיין. אלא, די גוים? זיינען זיי דאָך ענגלענדער אָדער אמעריקאַנער און המן איז דאָך געווען פון פרס, פון מדי, פון הודו, פון כוש — דער שוואַרצער יאָהר ווייסט איהם, טאַ וואָס איז דאָ זייער עסק אַז מיר קלאַפּען איהם?

האָבען גוטע און פרומע לייט דעם אַלטען געוואָלט שלאָגען אָדער ארויסוואַרפען און עס איז געוואָרען אַ ריכטיגע מחלוקת לשם שמים, וואָס האָט פאַרלענגערט דעם תענית פון די פּאַסטערס.

ענדליך האָט זיך דער בעל קורא געלאָזט איבערבעטען, האָט פאַרענדיגט לייענען די מגילה און אַלע בכנופיא האָבען געזונגען „שושנת יעקב".

פּאַרט אידען. אָט צוקריגט מען זיך און אָט בעט מען זיך איבער.

## 10.

די אויסגעגראָבענע פּאָמפּעי. — אַ מוסר השכל פון דער אַמאָל פאַרשאָטענער שטאָדט. — די סודות־שטיבעל אין פּאָמפּעי. — באַצאָהלט שטראָף פאַר אַ פּוס. — שמחת פורים אויף דער שיף.

אויף מאָרגען, פורים, פאָהרען מיר ארוים אָנקוקען פּאָמפּעי.

עס זיינען מיט אונז אויפ'ן שיף געווען אידען, וואָס האָבען אַלעם מבטל געווען, אַלעם אוועקגעמאַכט מיט דער האַנד. זיי האָבען אין קיין זאַך קיין אינטערעס ניט געהאַט און אַלעס איז ביי זיי געווען: עט, גאָרניט מיט גאָרניט. עס האָט זיי גאָר קיין חשק גענומען ארויסצופאָהרען זעהן עטוואָס נייעס, עטוואָס שעהנעס און טשיקאַוועס, און זיי זיינען פאַרבליבען אויפ'ן שיף.

פּאָמפּעי אָבער האָבען אָפּילו אַזעלכע בטלנים אויך געוואָלט אָנקוקען. אַ שטאָדט וואָס האָט געהאַט אַזאַ סוף ווי סדום און

עמורה; א שטאָדט, וואָס איז אזוי געטראָפפען געוואָרען פון גאָט׳ס צאָרן, האָבען אַלע צוגעגעבען, אז עס איז ווערט צו זעהן.

א אינגעל, וואָס דער מלמד זיינער שמייסט איהם אָפּ, איז גערן צו זעהן נאָך א געשמיסענעם. אזוי איז אפשר מיט אונז אידען אויך. מיר האָבען שוין גענוג געליטען פון חרבנות, ליגט עס אין אונזער נאַטור, אז מיר האָבען עפּעס א שטיקעל טרייסט, ווען מיר זעהען אַלטע חורבנות אויך ביי אַנדערע.

דאָס איז אפשר א כאַראַקטער־שטריך ביי מענשען, און דאָס האָט ערוועקט דעם חשק ביי די אָפּגעשטאַנענע צו וועלען באַזוכען די פון אונטער דער ערד אויסגעגראָבענע שטאָדט.

מאַכט צו מיר א איד א פרומאַק בזה הלשון:

„אַלעס, וואָס איהר האָט ביז איצט געזעהן, איז הבל הבלים, אַפּילו קיין שמעק טאַבאַק ניט ווערט. פּאָמפּעי, זעהט איהר, איז שוין עפּעס אַנדערש. דאָס דאַרף א איד זעהן, דאָס איז א מצוה צו זעהן, מחמת דערפון קען מען זיך אָראָפּנעמען א מוסר און זיך איבערציינגען אז עס איז פאַראַן א שופט ומנהיג, וואָס קען מיט איין בלאָז חרוב מאַכען שטעדט און אַפּילו גאַנצע מדינות“.

ווייס איך ניט, אויב יענער פרומער איד איז טאַקע גערן געוועזן צו זעהן פּאָמפּעי, כדי אָראָפּצונעמען א מוסר און נאָך פרימער ווערען, אָדער דער אינסטינקט האָט איהם געצויגען דער־צו, ווייל דער געשמיסענער וויל זעהן נאָך א געשמיסענעם...

סאַי ווי סאַי, מיר פאָהרען אריין אין נעאַפּאַל, פון דאָרט מיט אויטאָמאָבילען צו דער באהן און ווייטער מיט דער באהן קיין פּאָמפּעי.

אין דרויסען איז שעהן, די זון לייכט און וואַרימט און עס שמעקט מיט זומער. מיר האָבען צו פאָהרען בערך א שטונדע צייט. דער צוג יאָגט זיך ניט. לויפט לאַנגזאַם און מיר האָבען צייט צו באַאָבאַכטען אַלעס אויפ׳ן וועג.

מיר פאָהרען פאַרביי שעהנע וויינגערטנער, וועלכע גרינען און בליהען און גיבען ארויס געשמאַקע און אַנגענעמע ריחות. מיר קוקען דורך די פענסטער און מיר האָבען דערפון א נחת־רוח.

אין גיכען — טראַכט איך ביי זיך — וועל איך האָבען די

זכיה צו זעהן אידישע וויינגערטנער אין ארץ ישראל, און יענע — שטעל איך מיר פאָר — זיינען שעהנער, פּרעכטיגער און באַ'חנ'־ טער ווי די וואָס איך זעה אין איטאַליען.

עס איז דאָך נאַטירליך, אַז מען זאָל אייגענס פאָרשטעלען אין אַ בעסערע און שעהנערע ליכט ווי פרעמדעס.

פלוצלונג הייסט אונז אונזער „גאַיד", וואָס פאָהרט מיט אונז, אַז מיר זאָלען ווענדען אונזערע בליקען לינקס. און וואָס זעהען מיר דאָרט? מיר זעהען אַ גאַנץ היבשען שטח, באַדעקט מיט גרויע צושמאָלצענע און פאַרדאַרטע לאַווא, וואָס איז דאָרט פאַרבליבען פון אַ וואולקאַנישען אויסברוך פון וועזוואַוויוס. דער צוג געהט גאַנץ לאַנגזאַם און מיר האָבען ביכולת צו באַאָבאַכטען די געגענד גאַנץ גענוי. וואָס פאַר אַ מאָדנער קאָנטראַסט! רעכטס איז די נאַטור לעבעדיג, עס זעהט אויס ווי די ביימער און וואַקסונגען זינגען שירה, און לינקס איז טויט, קיין לעבען, קיין גרעזעלע, אַ בית עולם, אויף וועלכען אַ קליינער טייל פון דער ערד גופא איז באַגראָבען אונטער אַ גרויסע, מאַסיווע מצבה פון אַ געמיש פון ערד, שטיינער און שוועבעל.

מיר קומען אָן צו פּאָמפּעי און מיר קומען אריין אין שטאָדט דורך אַן ארק, דורך אַ טויער, אונטער די פיהרערשאַפט פון אונ־ זער גאַיד.

מיר טרעפען דאָרט נאָך פילע טוריסטען פון אַנדערע אַגענ־ טורען. און ווען די געביידעס וואָלטען ניט געוועזען קיין חורבות, וואָלטען מיר געקענט מיינען, אַז מיר שפּאַצירען אום אין אַ גוט־ באַפעלקערטער שטאָדט.

די גאַסען זיינען גאַנץ שעהן אויסגעלעגט, לאַנג און ניט שמאָל, און געפלאַסטערט מיט שטיינער, אָבער די טראָטואַרען זיינען הויך. ארונטערצוקומען פון אַ טראָטואַר אין גאָס, מוז מען מאַכען אַ גאַנץ היבשען שפּרונג, און זיין אין סכנה אַז מען זאָל חלילה די פיס ניט צוברעכען.

דערפאַר זיינען דאָ און דאָרט אויסגעלעגט שטיינער אַזוי ווי טרעפּ און דאָס מאַכט לייכטער אַריבערצוגעהן פון איין זייט גאָס צו דער צווייטער.

די הויפּט־גאָס פון דער אויסגעגראָבענער שטאָדט איז די

הערקולאנעאום־גאס. הערקולאנעאום איז אויך געווען א שטאָדט, וואָס איז פארשאָטען געוואָרען צוזאמען מיט פאָמפעי, אָבער יענע ליגט נאָך אונטער דער ערד. פאָמפעי איז נאָך אויך ניט אינגאנצען אויסגעגראָבען, כאָטש מען ארבייט שוין אויף דעם היבשע עטליכע צעהנדליג יאָהר.

מיר שפאַצירען איבער דער הויפט־גאס, איבער דער בראָדוויי פון פאָמפעי, און פון צייט צו צייט געהען מיר ארונטער אין גאסען, וואָס שניידען דורך די הויפט־גאס. אין מאנכע פלעצער איז זעהר שווער צו געהן, ווייל די שטיינער זיינען ניט קיין גלאטע און אָפט גריבער צווישען איין שטיין און דעם אנדערען. אָבער פאַר די, וואָס זיינען פויל אויפ׳ן גאנג, זיינען פאראַן איטאליענער מיט טראָג־בעטלאך, וואָס זיינען פאַר א געוויסע מטבע גרייט צו טראָגען דעם שווערסטען מענשען.

מיר זעהען האלב־חרוב׳ע פאלאצען און טעמפלען. אין מאנכע זיינען נאָך די ווענד כמעט גאנץ, נאָר די דעכער פעהלען, און אין מאנכע זיינען נאָך א טייל פון די אמאָליגע דעכער אויך פאראַן, און פון אנדערע איז בלויז דאָ א נשאר פון זיילען און באלקענס.

אין מאנכע געביידעס, אמאָליגע וואוינונגען פון רייכע לייט אָדער הערשער, זיינען דאָך אפילו די דעקאראציעס פארבליבען, און מען זעהט דאָרט גאנץ שעהנע מאהלערייען.

בכלל איז דאָרט פאראַן א סך נשאר פון עכט־שעהנע און קינסטלערישע ארכיטעקטור, געבויט פון ציגעל אָדער שטיינער. איבערהויפט פון די חורבות פון די טעמפלען קען מען משער זיין, וואָס פאַר א ריזיגע, גרויסאַרטיגע געביידעס זיי זיינען געווען.

מען צייגט אונז אָן אויפ׳ן ראטהויז, וואו די שטאָדטישע געזעצגעבענדע מאכט פלעגט אָפהאלטען איהרע פארזאמלונגען. מען צייגט אונז אויף קהל׳שע באָד־הייזער, וואו עס זיינען נאָך פארבליבען שטיינערנע וואנעס און אנדערע איינריכטונגען. מען פיהרט אונז אריין אין א בעקעריי און מיר זעהען שטיינערנע דייזשעס און מולטערס און אויך די אויווענס, ברייטע, טיפע אויוועגס, אין וועלכע מען פלעגט באקען מיט ניינצעהן הונדערט אָדער צוויי טויזענד יאָהר צוריק.

מען פיהרט אונז אין דעם פּלאַץ, וואו עס איז אַמאָל געווען דער האנדעלס־צענטער פון שטאָדט, און וואו עס שטעהען נאָך געביידעס, וועלכע זיינען פאַר דעם חורבן פּאָמפּעי געווען פאַר־נומען מיט גרויסע געשעפטען. מען ברענגט אונז אויפ'ן טעאַ־טער־פּלאַץ. אַ גרויסער, פרייער שטח, וואו עס געפינען זיך צוויי האַלב חרוב'ע אַמפיטעאַטערס, גאָר ניט ווייט איינער פון אַנדע־רען. אביסעל ווייטער שטעהען די באַראַקען, וואו עס האָבען געוואוינט די גלאַדיאַטאָרען, די שווערד־קעמפער, וואָס פלעגען אַמוזירען דעם עולם.

אזוי שפּאַצירען מיר דורך גאַסען און געסלאַך; מיר שטעל־לען זיך אָפּ אויף שעהנע, ברייטע סקווערס ארומגערינגעלט מיט האַלב־חרוב'ע טעמפּלען אָדער אַנדערע וויכטיגע געביידעס. און דער „גאַיד" האָט איבעראַל עפּעס צו זאָגען, עפּעס צו דערצעהלען. דאָ איז דאָס, דאָ איז יענעס, און עס איז אינטערעסאַנט צו הערען און זעהן.

און דעם משחית, דעם ווּעזוּוויוס, וואָס האָט מיט איבער אַכטצעהן הונדערט יאָהר צוריק פאַרפלייצט די שטאָדט מיט קאָ־כיגע לאַווע, זעהט מען פון אַלע פּונקטען פון פּאָמפּעי. ער שטעהט מיט שטאָלץ, דער פייער־שפּייענדער בארג, ווי איינער רעדט „זעהט, מענשען, וואָס איך האָב אַמאָל אויפגעטאָן און האָט דרך ארץ פאַר מיר".

מיר זיינען שוין אויסגעמאַטערט. די פיס ווילען שוין כמעט ניט דינען. אָבער אונזער „גאַיד" ערמוטיגט אונז: „קומט, — זאָגט ער, — איך וועל אייך צייגען דאָס שענסטע, דאָס בעסטע און דאָס אינטערעסאַנטסטע אין פּאָמפּעי, אָבער בלויז מענער קענען עס זעהן, קיינע פרויען".

ווערען שוין אַלע נייגעריג, אי די מאַנסבילען, אי די וויי־בער, די ווייבער אפשר נאָך מעהר ווי די מאַנסבילען, און מען לאָזט זיך געהן.

קומען מיר צו אַ שטיבעל, דוקא כמעט אַ גאַנצע מיט אַ דאַך, מיט אַלעמען און מיט אַ שלאָס אויפ'ן טיר. דאָרט שטעהט אַ שומר און ווען מיר קומען צו עפענט ער די טיר און ערלויבט

די מענער אריינקומען אינוועניג; די פרויען אָבער לאָזט ער טאַקע ניט אריין.

„דאָרט זיינען דאָ אַ סך מיוז״, — שפּאַסט אונזער „גאַיד״. — דערפאַר לאָזט מען דעם שוואַכען געשלעכט אַהין ניט אריין, ווייל מען וויל ניט אַז זיי זאָלען זיך איבערשרעקען״.

און וואָס איז דאָרט אין אמת׳ן? טפו זאָלען זיי ווערען! מען זאָגט יאקבי, אַז אמאָל, ווען פּאָמפּעי איז געווען אַ לעבעדיגע שטאָדט מיט לעבעדיגע מענשען, איז דאָרט געווען אַ הייזעל פון יענע הייזלאך — דאָס אַלעס. איז דאָך די קשיא: מאַי קאָ משמע לן? וואָס פאר אַ חידושים ציינט מען דאָ אונז? מיר ווייסען אַליין, אַז די רוימער אָדער גריכען, וואָס האָבען באַוואוינט פּאָמפּעי, זיינען ניט געווען קיין פּרושים, דאַרף מען אונז עס איבערצייגען? טפו זאָלען זיי ווערען נאָך אמאָל.

מיר לאָזען זיך צוריק צום אריינגאַנגס־טויער. מען פיהרט אונז אריין אין אַ געביידע, וואו אונטען אין קעלער ליגען הויפענס ביינער פון מענשען. אַ גאַנצע פאַמיליע וואָס האָט קיין צייט געהאַט צו ראַטעווען זיך בעת די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע, איז דאָרט אומגעקומען.

אין איין פּלאַץ זעהען מיר אַ פאַרשטיינערטען הונד, וועלכער האָט פאַרלאָרען זיין הינטישען לעבען באַוואַכענדיג די הויז פון זיין ווירט.

מיר באַזוכען דעם קליינעם מוזעאום ביים אריינגאַנג צו פּאָמפּעי, וואו עס געפינען זיך איינינע פאַרשטיינערטע קערפּערס, כלים און אַנדערע זאַכען, וואָס זיינען געפונען געוואָרען אין דער אויסגעגראָבענער שטאָדט, און מיר קעהרען זיך אום צוריק אַהיים — צום שיף.

אויפ׳ן וועג צוריק האָט פּאַסירט אַ שטיקעל אינצידענט, וואָס האָט אונז אַביסעל לוסטיג געמאַכט לכבוד פּורים.

אַ יונגערמאַן, אַ וואוילער יונג, אַ זינגער און אַ היבשער הוליאַק, האָט זיך אין וואַגאָן געלאָזט וואוילגעהן און זיך צושפּרייט אַזוי ווי ביים טאַטען אין ווייגגאָרטען. ער איז געזעסען אויף אַ בענקעל און אויסגעצויגען אַ פוס אויפ׳ן אַנטקעגענדיגען בענקעל. איז אריינגעקומען דער קאָנדוקטאָר און האָט אויפגע־

עפּענט זיין איטאַליענישען פּיסק מיט אַזעלכע קולות, אַז מיר זיינען אַלע צושראָקען געוואָרען. „טעני לירי!״ — האָט ער געשריען און געציינט אַלע צעהן פינגער פוןביידע הענד. מיר האָבען זיך אָנגעשטויסען, אַז ער מיינט צו זאָגען, אַז במדינת איטאַליען קאָסט אַזאַ פאַרגעניגען צעהן לירעס (בערך 50 סענט). דאָס הייסט, אַז מען מוז פאַר אַזאַ אַמעריקאַנער חוצפּה באַצאָה־לען שטראָף.

האָט מען גערופען דעם „גאַיד״ ער זאָל דינען אַלס דאָל־מעטשער, און עס האָט זיך ארויסגעציינגט, אַז דאָס איז טאַקע דעם קאָנדוקטאָר'ס כונה.

מילא, איז באַצאָהלען מוז מען דאָך. מען קען דאָך ניט געהן געגען די חוקי המדינה. די פראַגע איז אָבער געווען ווער זאָל באַצאָהלען? אונזער אַגענט, וועלכער האָט שטענדיג גע־זוכט צו באַשיצען זיינע מענשען, האָט געשריען, אַז דער „גאַיד״ איז דער שולדיגער אין דעם, מחמת ער האָט געדאַרפט מכריז ומודיע זיין, אַז דאָס און דאָס מעג מען און דאָס און דאָס טאָר מען ניט. פון וואַנען זאָל אַן אַמעריקאַנער וויסען, אַז מען טאָר ניט אויסציהען די פיס? איז געוואָרען אַ הייסע דעבאַטע. דער קאָנדוקטאָר האָט זיך געקאָכט אין איטאַליעניש, דער „גאַיד״ האָט געבעבעט אַ געבראָכענעם ענגליש און מיר זייטיגע מענשען האָ־בען זיך אַמוזירט.

דער סוף איז געווען, אַז באַצאָהלט די שטראָף האָט דער „גאַיד״, אָבער דער יונגערמאַן האָט איהם דעם האַלבען דאָלאַר אומגעקערט.

סאַי ווי סאַי האָבען מיר די גאַנצע וועג געהאַט צו שפּאַסען און צו וויצלען זיך אויפ'ן חשבון פון דעם יונגען מאַנ'ס פוס, וואָס איז טייערער געוואָרען מיט פופציג סענט, און עס איז געווען פרעהליך לכבוד פּורים.

אָבער דעם עיקר שמחת פּורים האָבען מיר געהאַט שפּעטער אויפ'ן שיף נאָך דער פּורים'דיגער סעודה, צו וועלכע דער „משגיח״ אָדער דער אויפזעהער איבער דער „כשר קיטשען״ האָט ניט פאַרגעסען מזכּה צו זיין דאָס פאָלק ישראל אויף דער „מאָ־רעטאַניאַ״ מיט המן־טאַשען.

די המן־טאַשען זיינען אַפילו ניט געווען שטאַרק געראָטען, אָבער אַבי דריי־שפּיציג. מען קען זאָגען: אַ זכר להמן־טאַשען, ניט מעהר, און פאַר אַ נויט האָט מען אפשר געקענט יוצא זיין מיט זיי אַלס אַ הקדמה צו דער אמת'ער פּורים'דיגער הוליאַנקע, וואָס איז נאכהער געקומען.

נאָכ'ן עסען האָט זיך דער אידישער עולם פאַרזאַמעלט אין דעם מקום להתפלל און מען האָט געהוליעט כאשר הוליאנו אבותינו אין די היימישע שטעדטלאַך מיט פילע יאָהרען צוריק.

מר. בעני מאָסקאָוויץ, אַ איד פון אַטלאַנטיק סיטי, האָט די שמחה פינאַנסירט. ער האָט צוגעשטעלט אַ שנעפּסעל, ביר און סאָדע־וואַסער על חשבונו, און עס איז געווען והשתיה כדת. און קיינע הוליאַקעס האָבען ניט געפעהלט. האָט מען געהור־ליעט, אָבער שעהן, אידישלאַך געהוליעט. מען האָט געזונגען פאַרשיידענע שירים, מען האָט געפּראוועט הלצות, מען האָט געזאָגט פּורים'דיגע „תורה" און מען האָט געטאַנצט פאַרשיידענע כשר־טענץ גאָר אויף אַן עכט־חסידישען שטייגער.

אַפילו פּורים־שפּילער זיינען אויך געווען. אַ פּאָר יונגע־לייטלאַך האָבען זיך פאַרשטעלט פאַר מיידלאַך און עקסטרעם־פרומע אגודה'ניקעס האָבען מיט זיי געטאַנצט מצוה־טענץ.

מיינער אַ לאַנדסמאַן, ר' מאיר ליב עפּשטיין, איינער פון די אַלטע הוליאקעס פון אונזער שטעדטעל, וועלכער איז מיט אונז געפאָהרען קיין ארץ ישראל, האָט אַ היבש ביסעל בייגעטראָגען צו דער שמחה. ר' מאיר ליב עפּשטיין איז אומבאַשריען אַ איד אַ זקן, און ער האָט מיט זיין טאַנצען אין ביוש געשטעלט די יונגע טענצער.

דער גרעסטער הוליאַק פון אַלע הוליאַקעס איז געווען ר' יצחק אייזיק וויינשטאָק, אַ ירושלים'ער איד, אַ משולח פון בית יתומים דיסקין. דער איד — קיין בייז אויג זאָל איהם ניט זיין — האָט ממש שטונדען נאָכאַנאַנד געזונגען שירים און לידער אין העברעאיש און אין אידיש, און עס איז געווען צו באַוואונדערען ווי אַזוי ער האָט אויסגעטראַכט און אויסגעפּלאָכטען נייע גראַמען און פּערזען, אין דער שטיקעלע צייט וואָס דער „באָר" האָט אַ ביסעל צוגעזונגען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז מיט דעם ר׳ יצחק אייזיק, וואָס האָט זיך אזוי לוסטיג געמאכט, האָט זיך נאכהער אָפּגע־שפּילט א טראַגעדיע, וואָס האָט צובראָכען אַלעמענס הערצער.

דער איד איז געפאָהרען אהיים צו זיין פאַמיליע אין ירושלים, וואו מען האָט אויף איהם געוואַרט צו פיהרען א זוהן צו דער חופּה. לסוף האָט מען איהם ניט געלאָזט לאנדען, ווייל זיין פּאַספּאָרט איז געוועזען עפּעס ניט אין אָרדנונג, און מען האָט איהם מיט דערזעלבער שיף צוריקגעשיקט. נאָך שווערע מיה און קאָסטען האָט מען איהם שפּעטער ארונטערגענומען אין אַלעקסאנדריא, שוין נאָך זיין קינד׳ס חתונה.

מען האָט אָפּגעהוליעט ביז שפּעט נאָך האלבע נאכט און ניט איך און ניט אנדערע געדענקען אזא שמחת פּורים ווי מיר האָבען געהאט אויפ׳ן שיף צווישען הימעל און וואסער.

## 11.

**א שבת־פּראַגע. — קבלת פּנים פון די גריכען. — א טראַגעדיע מיט לופט־פליהער. — קעניג׳ס פּאַ־לאַץ מיט צובראָכענע שויבען. — אַלטע חורבות. א נחמה וואָס איז קיין נחמה. — אין אידישען קוואַרטאַל.**

דאָס איז געוועזען נאָך איידער די „מאַרעטאַניא״ האָט דער־גרייכט נעאַפּאָל, ווען א נייע דעבאַטע האָט זיך אויפגעהויבען צווישען אונזערע אידישע רייזענדע.

שוין בערך צוויי וואָכען אויפ׳ן שיף, האָט מען שוין אויס־גערעדט, אויסגעשמועסט און אויסגעדיסקוטירט הרים וגבעות. אפילו מאַנספּארשוינען האָבען שוין דורך דער צייט אויסגעבאַ־לאַקעט מעהר ווי ניין מאָס. וועגען וואָס האָט מען שוין ניט גערעדט? ארומגערעדט אמעריקאנער פּאָליטיק, ארץ ישראל פּאָ־ליטיק; ארומגעשמועסט דעם ענין פון רבנות, חזנות, גבאות, שמשות, און וואָס ניט? האָבען זיך אידען עפּעס אָנגעהויבען

פיהלען מאַנאַטאַן, לאַנגווייליג. ניטאָ עפּעס קיין נייע פראגע, קיין פרישע פּראָבלעמע, אין וועלכע צו עוסק זיין זיך, עפּעס דעבאַטירען און האָבען ויכוחים.

האָט דער וואָס אין הימעל אריינגעגעבען אַ פּאָר אידען אַז אידעע און זיי האָבען אויפגעהויבען אַ שפּאָגעל־נייע פראגע וועלכע איז נאָך ניט באריהרט געוואָרען — די פראגע פון לאַנ־דען אום שבת.

נאָך מיט וואָכען אָדער אפילו מיט מאָנאַטען פריהער איי־דער די „מאַרעטאַניא" איז אָפּגעפאָהרען, איז איהר מארשרוט שוין געווען אויסגעשטעלט און באשטימט, אַז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער צייט וועט די שיף אָנקומען אַהין און אַהין, און אַזוי כסדר די גאַנצע רייזע. אין חיפה, איז געווען באשטימט, וועט די שיף אריינקומען שבת, דעם צעהנטען מארטש, אום צעהן דעם זייגער אין דער פריה. גוי'אישע קעפּ, וואָס וויסען זיי פון קדושת שבת?

זיינען אָבער געווען אידען אַזעלכע, וואָס דאָס איז ביי זיי געווען כמעט אַן אָפּהאַלט. פאָהרען לכתחילה מחלל שבת זיין, און נאָך וואו, אין דער ארץ הקדושה, לוינט זיך ניט דער גאַנצער עסק. האָט מען דערלאַנגט אַ בקשה צו דער שיפּס קאָמפּאַני, אַז זי זאָל זיי, די גוטע און פרומע ליט, און אַנדערע אידען ערלויבען פאַרבלייבען אויפ'ן שיף ביי חיפה ביז שבת נאַכט. האָט די קאָמפּאַני געענטפערט: „אָך, בכבוד גדול. איהר וועט ניט וועלען לאַנדען אום שבת, וועט איהר זיך געזונטערהייד זיצען אויפ'ן שיף, און מיר וועלען אייך געבען וואַרעמעס און שלש סעודות, אבי פאָהרט". וואָס דען, צוליב אַזאַ קליינינגקייט וועט זי ארויסלאָזען קאָסטאָמערם?

איז דאָך גוט. האָבען זיך אָבער פאָהרענדיג מיישב געווען אַ פּאָר אידען, אַז דאָס טויג ניט. אמת טאַקע, פרומע כשר'ע אידען וועלען זיך באַנוצען מיט דער פּריווילעגיע און וועלען ניט לאַנדען אום שבת. וואָס אָבער וועט זיין מיט יונגאַטשעס, וואָס וועלען דוקא וועלען ארונטערגעהן פון שיף און ניט וואַרטען ביז נאָך הבדלה? ערשטענס, וועלען זיי דאָך דערמיט „טמא" מאַכען די אדמת הקודש; והשנית, איז דאָך „ישראל ערבין זה

בזה", אידען זיינען פאראנטוואָרטליך איינער פאר'ן אנדערען, און איין איד מוז דעם צווייטען אָפּהיטען פון א חטא.

האָבען עס יענע פּאָר אידען פאָרגעבראכט פאר דער „מאסע" און עס האָט זיך געעפענט גאָר א נייע וועלט מיט נייע דיס־קוסיאָנען, דעבאַטעס און פּלפּולים פון לומדים און צובאָמקע־נישען פון פראָסטע חי וקים'ס.

הכלל, איז געווען לעבעדיג. טעג און אָווענדען האָט מען וועגען דעם גערעדט. די האָבען גע'אסור'ט און די האָבען מתיר געמאכט און גאָר אנדערע האָבען זיך גלאט אויסגעלאכט פון גאנצען עסק. עס האָבען אויפ'ן שיף ניט געפעהלט קיין יונגא־טשעס אזוי ווי עס האָבען ניט געפעהלט קיין עהרליכע אידען. האָבען זיי, די יונגאַטשעס, דעם גאנצען ענין איגנאָרירט און האָבען עס אָנגענומען אלס פּשוט'ע בטלנות.

איז אָבער געווען א היבשער צד „מחמירים" און זיי האָ־בען אָנגעהויבען זוכען א מיטעל ווי אזוי אלע, אָהן אויסנאַהם, זאָלען ניט לאנדען אום שבת, טאָקע צו להכעיס די יעניגע וואָס האַלטען די זאך פאר גרינג און מאכען עס אוועק מיט'ן האנד.

און יגעת מצאת, אז מען זוכט געפינט מען. האָט מען ארויסגעגעבען אזא מין פּראָיעקט:

אָנשטאָט וואָס די שיף דארף אריינקומען אין חיפה שבת, זאָל זי אריינקומען פרייטאָג. אי ווי אזוי? איז דאָ אַן עצה: היות אזוי ווי די שיף דארף שטעהן אין אַטען, די הויפּט־שטאָדט פון גריכענלאנד, כמעט א מעת לעת, זאָל זי זיך דאָרט ניט אָפּ־שטעלען, וועט זי אָנקומען אין חיפה פרייטאָג בייטאָג, און די פראגע איז געלייזט. אז מען וועט לאנדען פרייטאָג, וועט מען נאָך קענען זאָגען „שיר השירים" און מקבל שבת זיין אויפ'ן באָדען פון הייליגען לאנד, און ביינאכט צו וועטשערע עסען אַן ארץ ישראל'דיגען צימעס. אי וואָס, אַטען? וועט מען ניט אָנ־קוקען די יונים, די גריכען, וואָס האָבען מטמא געמאכט דעם בית המקדש און געוואָלט אונז אידען מאכען פארגעסען די תורה, ווי מיר זאָגען חנוכה אין „על הנסים".

די דאָזיגע עצה האָט געפונען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון נאָך אידען און עס איז פארבליבען צו שרייבען א „פּראָ־

שעניע", א בקשה צום קאפיטאן בשם כל היהודים הנמצאים באנית מארעטאניא, אז ער זאל זיך ניט אפשטעלען ביי אטען.

אלס שרייבער פון דער „פראשעניע" איז ערוועהלט געווארען מיין פריינד און קאלעגע מר. יעקב מאגידאוו, סיטי עדיטאר פון „מארגען זשורנאל".

מר. מאגידאוו האט זיך ניט אפגעזאגט פון דעם גרויסען כבוד וואס מען האט איהם צוגעטיילט, און האט געשריבען, כאטש ער אליין איז געווען זיכער אז מען וועט גאר ניט פועל'ן, און ער האט עס די מענשען געזאגט. אבער אז אידען זיינען צוגעשטאנען: „שרייבט, אולי ירחם, האט ער זיי געטאן די טובה, כדי מען זאל נאכהער ניט ווארפען דעם חטא פון חילול שבת אויף איהם.

און אויסגעלאזט האט זיך טאקע גארניט מיט גארניט. אונזער פוירסער פון צווייטען קלאס, זעהר א גוטער און פריינדליכער יונגערמאן, האט געגעבען צו פארשטעהן, אז מען מאכט זיך לעכערליך דערמיט, ווייל דאס וואס עס איז באשטימט פאר־אוים קען פאר קיין פאל ניט געענדערט ווערען. דאס איז א קרוז־שיף — האט ער געזאגט. — עס זיינען פאראן הונדערטע פאסאזשירען, אפשר א היבשע ביסעל פון אייערע אידען אויך, וואס ווילען באזוכען אטען, און מען קען עס פון זיי ניט אוועק־נעמען.

די דאזיגע ערקלערונג פון גוי האט אפגעקיהלט די גאנצע באוועגונג און עס איז פארבליבען ביים אלטען.

אבער גערעדט און דעבאטירט וועגען דער זאך האט מען נאך ביז דאנערשטאג, דעם אכטען מארטש, אין דער פריה, ווען די שיף האט זיך אפגעשטעלט ביי דער גריכישער האפען־שטאדט פירעאוס, ניט ווייט פון אטען.

די גריכען האבען אונזער שיף געגעבען א קבלת פנים. דריי רעגירונגס עראפלאנען זיינען געפלויגען ארום דער „מארעטאניא" און געצייגט פארשיידענע קונצען אין דער לופט. פון דעם האט זיך אויסגעלאזט א שרעקליכע טראגעדיע. איין לופט־מאשין איז שפעטער ארונטערגעפאלען, פאר די אויגען פון פילע מענשען

וואָס זיינען געווען אויפ׳ן דעק, און צוויי פליהער זיינען אומ־געקומען.

בעת עס איז אָנגעגאַנגען די באוועגונג אַז מיר זאָלען אַטען אויסמיידען, בין איך זיך מודה ומתודה, אַז איך בין ניט געווען אויף דער זייט פון די עקסטרים־פרומע און האָב דוקא געוואָלט באזוכען די גריכישע הויפט־שטאָדט. נאָך די אַלע דעבאַטעס און פּלפולים וועגען דעם איסור פון לאַנדען אום שבת, איז ניט אויפגעוויזען געוואָרען אַז עס ליגט אין דעם לאַנדען גופא אַ הארבער איסור. דערהויפּט, האָבען די רבנים און לומדים אנט־שיידען, ליגט דער איסור אין טראָגען אום שבת, און דאָס קען מען אפשר אויסמיידען, און יוצא זיין אי פאר גאָט, אי פאר לייט.

און חשק האָב איך געהאַט אריינצופאָהרען אין אַטען, מחמת די שטאָדט האָט אמאָל געהאַט אַ געוויסע שייכות מיט אידען.

אַטען ווערט דערמאָנט אין גמרא און אין מדרש אונטער׳ן נאָמען אתונא. אונזערע תנאים, וורעט דערצעהלט, האָבען גע־האַט ויכוחים מיט די סבי דבי אתונא, מיט זקנים אָדער חכמים פון אַטען. מיט די חכמי יון, מיט די גריכישע פילאָזאָפען, האָבען זיך שטענדיג אידישע גדולים גערעבענט. די געשיכטע דערצעהלט, אַז אידען האָבען אמאָל באקערט גריכישע געצענ־דינער צו דער אמונה פון אחדות הבורא, און בכלל האָט עקזיס־טירט אַ געוויסע פארבינדונג צווישען זיי מיט אונז. שטעהט נאָך איצט אין אַטען אַ מאָנומענט נאָך יוליא ברניקי, וועלכע האָט געשטאַמט פון די מלכי יהודה.

היינט צו טאָג זיינען וועניג אידען פאראַן אין אַטען, אָבער די ביסעל אידען וואָס וואוינען דאָרט האָבען זייער קהלה מיט אַ רב, אַ שוהל׳כעל, אַ תלמוד תורה, און אַ באזונדערען בית־עולם. דער אידישער בית עולם אין אַטען איז בסך הכל אַלט איינינגע צעהנדליג יאָהר. פריהער פלעגען די אידען מקבר זיין זייערע מתים אין אַ ווינקעל פון דעם אַלגעמיינעם שטאָדטישען בית עולם.

אַטען איז באריהמט מיט איהרע חרוב׳ע און האַלב חרוב׳ע פארצייטיגע ריזיגע טעמפּלען, וואָס די גריכען האָבען אויסגע־בויט פאר זייערע געטער. אַ רייכע גריכישע פרוי האָט אמאָל

איבערגעלאָזט אַ גרויסע שטיק לאַנד צו בויען אַ טעמפּעל פאַר'ן אידישען גאָט, אָבער די אידען האָבען זיך דערמיט ניט באַנוצט.

סאַי ווי סאַי, איז אין אַטען פאַראַן עטוואָס אינטערעסאַנטעס צו זעהן, און מיר, און מסתמא אויך אַנדערע, האָט שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין שטערונגען און מיר האָבען געקענט אריינפאָהרען אין דער שטאָדט.

מיר זיינען דורכגעפאָהרען פּירעאוס און געקומען אין אַטען. אַ „גאַיד" האָט אונז געפיהרט צום חרוב'ן טעמפּעל פון יופּיטער און נאָך טעמפּלען, און פון די ביסעל נשאר קען מען זעהן וואָס פאַר אַ קינסטלערישע און גראַנדיעזע ארכיטעקטורען זיי זיינען געווען.

מיר האָבען באַזוכט דעם אַלטען, חרוב'ן אַמפיטעאַטער און אויך דעם נייעם סטאַדיום, געבויט דורכאויס פון מאַרבעל, וועלכער האָט פּלאַץ פאַר פופציג טויזענד מענשען, און נאָך און נאָך אַלטערטימער און נייאיגקייטען.

מען האָט אונז פאַרבייגעפיהרט אַ פרישע חורבה, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער איבערקערעניש אויף דער וועלט ערשט מיט איינציגע יאָהר צוריק. דאָס איז דער פּאַלאַץ פון געוועזענעם גריכישען קעניג. אוי, וואָס פאַר אַ חורבן דאָרט איז! די שויבען צובראָכען און פאַרשטעלט מיט ברעטלאַך. דער צאַם פון פּרעכטיגען גאָרטען ארום — האַלב איינגעפאַלען, אונטערגע־שפּאַרט מיט פלעקער און דאָ און דאָרט פאַרלאַטעט מיט שטיקער האָלץ. אַ וויסטע פוסטקע איז דער פּלאַץ, וואו דער הערשער פון לאַנד האָט געוואוינט.

דעם איצטיגען פּרעזידענט'ס וואוינונג איז אַ ביסעל ווייטער. דעם פּרעזידענט'ס דירה שטעהט אויך אין אַ גאָרטען; אָבער אויך דאָ שפּירט זיך אָרימקייט. עס שמעקט מיט דלות. ניטאָ דער פּראַכט און גלאַנץ, וואָס אַזאַ פּלאַץ דאַרף האָבען.

מען פיהרט אונז ארויף צום אַקראָפּאָליס, דער אַמאָליגער ציטאַדעל אָדער פעסטונג, וואָס געפינט זיך אויף אַ גאַנץ הויכען באַרג. מען דאַרף זיין אַ שטיקעל בעל כח ארויפקלעטערען מיט די שטיינערנע טרעפּ צום אַקראָפּאָליס, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנץ גרויסען און ברייטען שטח אַליץ העכער און העכער.

צוערשט צייגט מען אונז אָן די טרעפּ דורך וועלכע מען פלעגט פיהרען די אָקסען מקריב צו זיין צו די געטער אין דעם טעמפּעל סאַמע אין דער הויך, און דאַן הייסט מען אונז געהן ארויף מיט אַנדערע מעהר באקוועמע טרעפּ.

אָבער ניט אַלע פון אונזער גרופּע האָבען געקענט דער־גרייכען די סאַמע הויך. די פיס האָבען פּשוט ניט געדינט, און וואָס צו זעהן דאָרט איז דאָ זעהר פיל. דאָ איז אַזאַ חורבה; דאָ איז אָן אַנדער חורבה; דאָ איז בלויז אַ ביסעל נשאר פון אַ פּראַכטפולער געביידע, דאָ שטעהען קונסטפולע זיילען, דאָ ליגען זיילען, און דער „גאַיד" רעדט און רעדט און ערקלערט, וואָס דאָס איז געווען און וואָס דאָס אַנדערע איז געווען מיט פילע הונדערטער יאָהרען צוריק, ווען דאָס גריכישע פאָלק איז געווען אַ געצענדינעריש פאָלק און האָט פארשווענדעט אַזוי פיל ענערגיע און פארמעגענס אויף אַ נישטיגער אמונה.

עס פאַרדריסט מיר ניט וואָס פון דעם אַלעם איז אַ תל עולם געוואָרען. ווען אָבער עס קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען, אַז קירצליך וועל איך עהנליכעס זעהן אין אונזער אייגען לאַנד, אונזערע אמאָליגע הייליגטימער וואָס זיינען איצט חרוב ומוחרב, טוט מיר אַ ציהביים הארצען און עס שטעלט זיך טרערען אין די אויגען.

מאַכט צו מיר איינער פון אונזער גרופּע:

„איהר ווייסט, אַז קוקענדיג אויף די דאָזיגע חורבות פיהלט זיך עפּעס אַ מין טרייסט. מען זעהט כאַטש, אַז מיר אידען זיינען ניט די איינציגע און עס זיינען פאראַן נאָך פעלקער און נאַציאָנען וואָס האָבען ערליטען חרבנות אַזוי ווי מיר".

„אַ קנאַפּע נחמה", — זאָג איך צו איהם. — „נאָך אַלע־מען זיינען דאָך די גריכען ניט מעהר קיין געצענדינער און זיי באַדויערען אפשר גאָר ניט די דאָזיגע פארלוסטען. אויסער דעם זיינען זיי דאָך פארבליבען אַ פאָלק מיט זייער אייגען לאַנד, מיט זייער אייגענער רעגירונג, און מיר? מיר זיינען עד היום גלות־מענשען, אָהן אַן אייגענער היים".

„איהר זייט גערעכט", — האָט דער איד צוגעגעבען, און שווער אָפּגעזיפצט.

א היבשע שטיקעל צייט האָבען מיר פארבראכט אויפ'ן אַק־ראָפּאָליס, באָאבאכטענדיג די געגענד ארום, באקוקט פון ווייטענס דעם בארג פּאַרנאַס אָדער פּאַרנאַסוס, וואָס איז באוואוסט אין דער מיטאָלאָגיע אַלס א הייליגער בארג, און אַנדערע בערג, וואָס זעהען זיך ארום אַטען. און דאָן, האָבענדיג זיך אָנגעזעהן און אָנגעהערט גענוג אין באצוג צו די אַלטע חורבות, האָבען מיר זיך אוועקגעלאָזט צום אידישען קווארטאל, וועלכער איז איינער פון די אָרימסטע אין שטאָדט.

מען האָט אונז אריינגעפיהרט אין א שוהל'כעל, וואו די שמש'טע, קענטיג גאָר ניט קיין רייכע, האָט אונז באגעגענט מיט א צדקה־פּושקע אין האנד. זי האָט, קענטיג, אונז אמעריקאַנער געוואָלט מזכה זיין מיט א מצוה און מיר האָבען זיך דערפון אנטזאָגט.

עס זיינען אריינגעקומען נאָך א פּאָר פרויען, א פּאָר מענער און קינדער פון דער נאכבארשאפט, אָבער מיט וועמען אויסריידען א וואָרט איז ניט געווען. אַלע שטומע צינגער. אפילו העברעאיש מיט דער ספרד'ישער הברה פארשטעהען זיי אויך ניט. אָבער מיר האָבען זיך א ביסעל פארשטאנען אויפ'ן וואונק.

די שוהלכעל האָט א בימה אין מיטען. די עזרת נשים איז אין דער הויך אינגאנצען פארשטעלט אזוי, אז מען קען פון אונטען קיין פרוי ניט זעהן. אויפ'ן בימה זיינען געלעגען סדורים נוסח ספרד געדרוקט אין בערלין, וויען און ליוואָרנא. די שמש'טע — האָט זיך ארויסגעצייגט — קען ניט קיין עברי; אָבער א טאָכטער איהרע, א יונגע מיידעל, האָט איינע פון אונזער גרופּע, מרס. לאה האראָוויץ, א לאנדס־פרוי מיינע, פון ניו יאָרק, „פארהערט" און זי האָט מאטערענדיג זיך איבערגעלייענט עטליכע ווערטער אין סידור.

ביים זייט פון שוהל איז א תלמוד־תורה. לײדער האָט מען דאמאָלס ניט געלערענט, אָבער א פּאָר תלמוד תורה קינדער זיינען דאָרט געווען. אויף א טאפעל האָב איך דאָרט דערזעהן די ווערטער: „חרש", „אלם" און „עור" געשריבען אין אונזער אידישער שריפט. דאָס האָט מיך שטארק איבער־

ראשט. איך האָב צוגערופען אַ אינגעלע און געהייסען „כתב", שרייב, און ער האָט אָנגעשריבען די ווערטער: „ילד קטן", אויך אין אונזער שריפט.

דער אינגעלע האָט דערפאר געקראָגען אַ פּאָר מטבעות און ער איז געווען מלא שמחה.

איך בין זעהר נייגעריג געווען צו זעהן דעם לעהרער פון דער תלמוד תורה, וועלכען איך האָב אונטער די אויגען פאַר־דעכטיגט אַלס אונזערען אַ מענשען, און דערגעהן פון איהם איינצעלהייטען וועגען דעם לעהר־אנשטאַלט, אָבער צום באַ־דויערען איז מיין וואונש ניט ערפילט געוואָרען.

שפּעטער האָב איך ערפאהרען פון אַן אַנדער גרופּע אידי־שע טוריסטען, אַז דער לעהרער אין דער תלמוד תורה איז טאקע אונזערער אַ מענש, אַ ביאַליסטאָקער יונגערמאַן, וועל־כער איז געקומען קיין אַטען פון ארץ ישראל. אַ שאַד וואָס איך האָב איהם ניט געזעהן.

דערמיט האָט זיך אונזער באזוך אין גריכענלאַנד געענ־דיגט און מיר זיינען אַוועק צוריק צום שיף.

## .12

### לאַנגע אָנדערטהאַלבען מעת לעת. — אַן ארץ ישראל'דיגער שוטה. — אַ שטיקעל חבלי של משיח. — פּאַרדרוס אויף דער אימיגריישאָן־קאָמיסיע. — אַ קליינע ענטוישונג.

מיר זיינען אָפּגעפאָהרען פון פּירעאוס, ביי אַטען, דאָנער־שטאָג, דעם 8טען מאַרטש, ביי נאַכט. קיין חיפה האָבען מיר געדאַרפט אָנקומען שבת, דעם 10טען מאַרטש, אין דער פריה. האָבען מיר נאָך אין גאַנצען געהאַט צו פאָהרען אָנדערטהאַלבען מעת לעת. אָבער די אָנדערטהאַלבען מעת־לעת, אָדער די עט־ליכע און דרייסיג שטונדען האָבען זיך געצויגען זעהר לאַנג. עס האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער אריבער'פּטור'ן די שטיקעל

צייט און קומען צום הויפּט־ציל פון דער נסיעה — אין ארץ ישראל.

די פראגע פון לאנדען אום שבת, וועלכע איז פארבליבען אומגעלייזט, האט זיך אין לעצטען טאג פון דער רייזע ווידער אויפגעהויבען מיט נאך מעהר פרישקייט. די פרומע האבען זיך געקאכט, די ניט פרומע האבען זיך נאך מעהר געקאכט און עס איז געווען לעבעדיג אין אידישען לאגער.

מר. אדער אדון איתון, דער געשעפטס־מאן פון חיפה, וועמעס נאמען איך האב שוין פריהער דערמאנט, האט גע־טענה'ט, אז מען דארף ניט לאנדען אום שבת, נאר דוקא פארבלייבען אויפ'ן שיף ביז נאך הבדלה, מפני הכבוד. ער האט מיט זיין גלאטען צינגעל געשילדערט ווי שעהן דאס וועט זיין, ווען אן עדה אידען, אהן עין הרע, פון קרוב דריי הונדערט נפשות, וועלען לאנדען מיט אמאל אונטער דער שיין פון דער שעהנער ארץ ישראל לבנה. די חיפה'ער אידען, — האט ער געזאגט, — וועלען אונז ארויסגעהן אנטקעגען און מיר וועלען אלע אריינמארשירען אין שטאדט אונטער די קלאנגען פון ארץ ישראל־שירים. ווי גרויסארטיג, ווי פראכטפול דאס וועט זיין!

א שעהן בילדעל האט דער אדון איתין פאר אונז פארגע־שטעלט. אבער דאס איז אפשר ביי איהם אליין אויך געווען ניט מעהר ווי א פאנטאזיע, א פוסטע פאנטאזיע.

יענעם פרייטאג אוועגד האט זיך א גאנץ היבשער אידי־שער עולם פארזאמעלט אין אונזער „מקום להתפלל" און מען האט געזונגען שבת'דיגע זמירות, און אן ארץ ישראל איד, אדער רב — איך געדענק ניט זיין נאמען — האט געהאלטען א לאנגע מגיד'ישע דרשה און האט געשאלטען מיט טויטע קללות די יעניגע וואס וועלען פורץ גדר זיין און וועלען מחלל זיין די קדושה פון לאנד דורך טראגען אום שבת ביים אריינ־קומען אין שטאדט. דאס לאנדען גופא, הייסט עס, האט ער שוין מוחל געווען, אבי עס זאל כאטש ניט זיין קיין חילול שבת בפרהסיא.

שילטען איז אַפילו אַ מדה פון אַ מאַרק־זיצערקע און עס פּאַסט אַפשר ניט פאַר אַן ארץ ישראל אידען, אָבער כאָטש „אוירא דארץ ישראל מחכים", די לופט פון ארץ ישראל מאַכט קלוג, פון דעסטוועגען קען אַן ארץ ישראל איד אויך זיין אַ שוטה.

אַזוי צו אַזוי, אַבי די קללות זיינען חלילה ניט מקוים געוואָרען.

אויף מאָרגען, שבת, בין איך אויפגעשטאַנען פריהער ווי געוועהנליך. איך בין אַרויס אויפ'ן דעק און שוין דאָרט געטראָפען מענער און פרויען, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען נאָך פריהער און געוואָלט זיין פון די ראשונים צו זעהן דאָס הייליגע לאַנד.

„עס שמעקט שוין מיט ארץ ישראל, עס שפּירט זיך שוין די געשמאַקע לופט", — האָט איינער אַ זאָג געטאָן. — „אַ מחיה, עס צוגעהט איבער אַלע גלידער".

און כאָטש מיר זיינען נאָך געווען אַ היבשע ביסעל וויט פון די הרי יהודה, האָט זיך ווירקליך אויסגעוויזען, אַז מען איז שוין דאָרט און די געשמאַקע ריחות פון פרישע אָראַנזשען און אַנדערע ארץ ישראל־פּרוכטען פילען אָן די לופט.

און דער הימעל איבער אונזערע קעפּ איז קלאָר און לויטער. אָבער מען זאָגט אונז, אַז דער ארץ ישראל הימעל איז נאָך אַ סך שעהנער; אַזאַ הימעל ווי ארץ ישראל פאַרמאָגט, פאַרמאָגט די גאַנצע וועלט ניט. און עס דערוועקט זיך אַלץ אַ גרעסערער חשק צו קומען וואָס שנעלער אַהין און זעהן אַלעס מיט די אויגען.

און עס דאַכט זיך, אַז די „מאָרעטאַניא", וואָס איז באַריהמט אַלס אַ שנעלשיף, שלעפּט זיך, כאָטש גנעה און שמייס איהר אונטער אָדער שטופּ איהר אונטער.

מען איז אַזוי אונגעדולדיג, אַז אַפילו ביים פריהשטיק עסען לויפט מען אַלע ווייל צו די פענסטער קוקען אויב מען זעהט שוין לאַנד.

ענדליך, פונקט צעהן דעם זייגער, האָט זיך אונזער שיף אָפּגעשטעלט ביי חיפה.

זיינען געווען חברה, וואָס האָבען חשק געהאַט שוין פאַר־נעמען די פעקלאך מיט די זעקלאך און פארלאָזען די שיף, אפשר ניט אַזוי צוליב חבת הארץ, ווייל דאָס לאַנד איז זיי ליב און זיי האָבען געוואָלט וואָס שנעלער באַטרעטען איהר באָדען, ווי צו להכעיס די פרומע, וואָס האָבען דורכאויס אַגי־טירט אז מען זאָל ניט לאַנדען אום שבת. האָט מען זיי אָבער געזאָגט: „פּאַוואָליע, ניט אַזוי לייכט קומט מען אריין אין דער אידישער היימלאַנד. מען מוז פריהער דורכגעהן געוויסע פאָר־מאַליטעטען. יעדער איינער וועט אויסגעפרעגט ווערען פון א קאָמיסיע, יעדער איינער וועט האָבען דורכצוגעהן א דאָקטאָר־עקזאַמען און יעדער איינער וועט זיך מוזען לאָזען שטעלען פּאָקען, און ערשט דאַן, ווען אַלעס וועט זיין כשר וישר, וועט מען ארונטערלאָזען פון שיף".

„יאָ", — האָט א איד באַמערקט, — „אפילו ווען משיח וועט איה"ש קומען, וועט מען אויך פריהער מוזען איבערקומען חבלי של משיח, און מען דאַרף אַלעס אָננעמען פאַר ליב".

און אַזוי ווי די דאָזיגע אינפאָרמאַציע איז געווען א קלאַפּ פאַר די איילענדע, וואָס האָבען געוואָלט שוין לאַנדען, אַזוי איז עס געווען א פרייד פאַר דעם פרומען עלעמענט, וואָס האָט דוקא געוואָלט אַז מען זאָל ניט לאַנדען אום שבת.

דאָס איז פאַר זיי געווען א שטיק נחמה. „אויב אַזוי", — האָבען זיי געזאָגט, — „קען זיך דער עסק סאַי ווי סאַי פאַר־ציהען ביז נאַכט און וועלענדיג, ניט וועלענדיג וועלען אידישע קינדער ניט מחלל זיין דעם ערשטען שבת אין היילינען לאַנד".

פון דעסטוועגען האָט יעדער איינער אַליין פאַר זיך גע־וואָלט וואָס שנעלער אָפּ'פּטור'ן די קאָמיסיע מיט'ן דאָקטאָר מיט די פּאָקען שטעלען. אפילו די וואָס זיינען געווען פעסט זיכער אַז זיי וועלען פאַרבלייבען אויפ'ן שיף ביז נאָך הבדלה, זיינען אויך זעהר גערן געווען איבערצוקומען די פאָרמאַליטעטען און קענען רוהיג זאָגען „ברכי נפשי" אָדער נעמען אַן אַנדער אידיש וואָרט אין מויל לכבוד שבת.

מיר, צווייטע קלאַסניקעס, האָבען אָבער געהאַט צו וואַר־

טען ביז מען וועט אָפּ׳פּטור׳ן די יחסנים, די ערשטע קלאַס־ניקעס, און די וואָס זיינען געפאָהרען דריטע קלאַס האָבען גע־דאַרפט וואַרטען אויף גאָר צום לעצט.

איז מען אוועק אין זאַל, וואו די קאָמיסיע איז געזעסען, און מען האָט געוואַרט, יעדער אויף זיין נעקסט.

איז ביי פילע ממש געשוואָלען געוואָרען די פיס שטעהענ־דיג און זיי האָבען אָהן משיח׳ן געפיהלט אַ שטיקעל טעם פון חבלי של משיח.

האָט זיך אַ איד אַ קאַטאָוועסניק, וואָס ליידעט, לא עלינו, אויף רומאטעס, זיך אויסגעדריקט: „אויב ווען משיח וועט קומען וועט מען אויך דאַרפען דורכמאַכען אַזעלכע פאָרמאַלי־טעטען, טאָ זאָל ער בעסער זיצען געזונטערהייד דאָרט וואו ער זיצט״.

און די קאָמיסיע איילט זיך ניט. ביי איהר איז ניטאָ דער אַמעריקאַנער „האַרי אַפּ״. זי נעמט זיך צייט. אַי, אייך איז שווער צו וואַרטען, איז דאָך אַ איד ב״ה געוואוינט צו וואַר־טען. וואַרטען דאָך אידען אויף דער גאולה שוין אַזוי פיל הונדערטע יאָהרען.

און אין דער קאָמיסיע זיצען אידישע יונגע לייטלאַך, וואָס באגעגענען אַ אידען מיט אַ „שאַבאַט שאַלאָם״ (שבת שלום), אַן ארץ ישראל׳דיגער „גוט־שבת״, און אויב נאָר איהר פאַר־שטעהט העברעאיש, זיינען זיי גערן צו רעדען מיט אייך העב־רעאיש, און זיי קוקען אויף אייך קרום ווען איהר רעדט אידיש. זיצען זיי ביי די ביכער מיט ארץ־ישראל׳דיגע סיגאַרעטלאַך אין די מיילער און פּאַפּקען און בלאָזען דעם רויך, און שטעלען אייך פראַגען און צייכענען און שרייבען וואָס זיי דאַרפען. פּאַרדריסט עס אונזערע פרומע אידען. מילא שרייבען, זאָגען זיי, מוזען די יונגע לייט. דאָס איז דאָך זייער עובדאָ; אָבער צו וואָס רויכערען אום שבת? צו וואָס ציינען אַזאַ ביישפּיל פון ארץ ישראל? צו וואָס מחלל זיין די קדושה פון הייליגען לאַנד אַזוי אָפען?

אַזוי רעדען זיי צווישען זיך, אַזוי שושקען זיך אידען איינע

מיט די אנדערע. א שבת'דיגער סיגארעטעל — באמערקט איי־נער — איז צו וואכעדיג פאר אזעלכע וואס רעדען לשון הקודש און ווילען אז אנדערע זאלען אויך רעדען די זעלבע שפראך. דאס גראמט זיך ניט מיט „שאבאט שאלאם".

אבער קיינער וואגט ניט אויסצורעדען א הויך ווארט. דע לפני מי אתה עומד. מען שטעהט דא פאר נאטשאלניקעס, פאר באאמטע, האט מען מורא צו עפענען א מויל און מען שלינגט אראפ זאכען וואס איז ניט אנגענעם צו זעהן, וואס טוט אפט־מאל א שטאך אין הארצען...

און יונגע חברה רייצען זיך נאך מיט די עלטערע פרומע אידען: „אט זיינען אייערע ארץ ישראל'דיגע צדיקים. איהר קאכט זיך וועגען לאנדען אום שבת, און אט האט איהר נאך עפעס בעסערס".

און וואס צו ענטפערען זיי איז ניטא. ענטפערט מען מיט א זיפץ, מיט א קרעכץ, וואס דריקט אוים: „עס איז טאקע טרויעריג, אבער וואס קען מען העלפען?"

און די עקזאמענירונג ציהט זיך אזוי ווי פון פעך. וועניג־סטענס, אזוי זעהט עס אוים. אט שטעהט מען שוין, דאכט זיך, מיט די פאספארטען און דאקומענטען אין די הענד נעבען די מאכערס, נעבען די קאמיסיע, פלוצלונג מאכען זיי צו די ביכער און געהען אוועק עסען און מען פויקט פאר אלעמען צו געהן עסען מיטאג.

געהט מען. א ברירה האט מען? זיינען דא אזעלכע וואס מאכען אפ די סעודה בקצור, כדי צו פארכאפען פריהער א נעקסט, און אנדערע ווידער, פארקערט, נעמען שוין איצט אן אן אנדער טאקטיק און זיינען דוקא מאריך. זייער חשבון איז: אפשר וועט מען דעם ענין קענען אפציהען ביז נאכט און עס וועט שוין במילא אויסקומען אז מען וועט קיינעם ניט ארונטערלאזען פון שיף ביז דער שבת קודש וועט אוועק.

אבער אזוי לאנג האט עס ניט געדויערט. מען איז פאר־טיג געווארען מיט די אויספרעגענישען, מיט'ן דאקטאר'ס עקזא־מען און מיט די פאקען שטעלען נאך א היבשע פאר שטונדען

פאר נאכט. די פראגע פון לאנדען אדער ניט לאנדען האט זיך ווידער אויפגעהויבען, אבער איצט, צולעצט, זיינען שוין געווען מאנכע „מחמירים״, וואס האבען אויך געפונען א היתר:

היות אזוי ווי קיין האפען איז אין חיפה ניטא, און די שיפען, וואס קומען אהין אריין, שטעלען זיך אפ א היבשע שטרעקע ווייט פון ברעג און מען דארף צופאהרען מיט אזעלכע בארקעס, קען אפטמאל זיין, — האט מען געזאגט, — א סכנה צו פאהרען ביינאכט. קיין באגאזש קען קיינער ניט מיטנעמען מיט זיך. דאס געהט דירעקט אין צאהל־אמט אדער אין קאס־טאם־הויז, וואו אלעס מוז עקזאמענירט ווערען פון קאסטאם־באאמטע, און זיי, די באאמטע אדער אינספעקטארס, האט מען אונז פארזיכערט, וועלען עקסטרא צוליב די אידישע רייזענדע ארבייטען זונטאג, וועט מען פארשפארען האבען צו טאן מיט דעם אום שבת. אויף אזא אופן איז שוין אנדערע דבורים. האבען זיך שוין געפונען אפילו אידען פון פרומען עלעמענט, וואס האבען ניט געוואלט ווארטען ביז ביינאכט. יעדער איינער האט שוין געפונען אן אויסרייד. דער איז אליין א נערוועזער מענש, דער פאהרט מיט קינדער און ער האט מורא צו שלעפען זיך אין דער פינסטער מיט די אראבער, וואס טרייבען די שיפ־לאך אדער בארקעס, און בינו לבינו איז בלויז א קליינע צאהל אידען פארבליבען אויפ׳ן שיף צו פראווען דארט שלש סעודות.

און לאמיר אייך זאגען, אז דאס צופאהרען פון שיף צום ברעג איז טאקע ניט זעהר אנגענעם. די בארקע, וועלכע האט אונז געפיהרט, האט זיך געשאקעלט און געטונקט, אז עס האט זיך אויסגעוויזען אז אט, אט זינקט זי מיט אונז צוזאמען.

און א פאר מיידלאך און ווייבלאך האבען שיער באקומען ספאזמעס און האבען געקוויטשעט אזוי ווי ווען זיי פאהרען אויף א סיניק רעילוועי אין קאני איילאנד.

אבער מיר האבען געלאנדעט בשלום און עס האט חלילה קיינעם גאר ניט געשאדט. צום סוף האט זיך די זאך אויסגע־לאזט ניט מעהר ווי א שטיף און מען האט זיך גע׳חכמה׳ט און געוויצעלט אויפ׳ן חשבון פון די פחדנים אדער פחדנות, וואס

האָבען שוין אפשר געהאַט בדעה צו זאָגען וידוי, ווען די באַרקע האָט זיך געבויגען און געטונקט טיף אין וואַסער.

ענדליך זיינען מיר שוין אויף דער אדמת הקודש און מיר אָטעמען שוין די לופט פון לאַנד פון אונזערע אָבות.

איך פיהל עפּעס א מאָדנע באַגייסטערונג. איך בין שוין אין ארץ ישראל, מיינע פיס טרעטען שוין אויף דעם באָדען, וואָס איך האָב אַזוי געגאַרט צו טרעטען! מיין הארץ ווערט אָנגעפילט מיט א געפיהל פון גייסטיגען פאַרגעניגען, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געפיהלט.

און קוק איך אויבען אויפ'ן הימעל, ווער איך נאָך מעהר באַגייסטערט. עס ווערט געזאָגט אין ספרים, אז עס זיינען פּאַראַן זיבען הימלען, איינער העכער איבער'ן אַנדערען, און וואָס העכער אַלץ שעהנער, אַלץ הערליכער. דאַכט זיך מיר, אז דער הימעל, וואָס איז פאַרשפּרייט איבער מיין קאָפּ, איז דער סאַמע העכסטער, וואָס קיין שעהנערער, קיין העלערער פון איהם איז שוין ניטאָ, און איך ווער, דאַכט מיר, אינגאַנצען ארויסגעטאָן פון גשמיות, און עס איז מיר גוט, עס איז מיר וואויל, אַזוי ווי איך זאָל שוועבען אין עולם המלאָכים, אין זיבעטען הימעל.

אין דיזען ביכעל האָט איהר געלייענט מר. אָגוז׳עס באשרייבונג פון זיין רייזע קיין ארץ־ישראל און די פלעצער וואָס ער האָט באזוכט אויפ׳ן וועג אַהין. מר. אָגוז האָט אָבער אויך באשריבען ארץ ישראל גופא און די פלעצער וואָס ער האָט באזוכט אויפ׳ן וועג צוריק. די אַלע באַשרייבונגען און שילדערונגען וועט איהר קענען לעזען אין זיין אינטערעסאנטען בוך

## „מיין רייזע אין צעהן לענדער"

### פון א. ד. אָגוז

דאָס בוך אנטהאלט ארום 300 זייטען און קאָסט 2 דאָלאר. איהר קענט עס באקומען ביי

**Emanuel Rosen, Palestine-Oriental Tours,**
122 Fifth Avenue, New York, N. Y.

אָדער ביים פארפאסער גופא:

**A. D. Ogus, c/o Jewish Morning Journal,**
77 Bowery, New York, N. Y